YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv05i37

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 5 Issue 37
September 1923

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 5, Iss. 37)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/221

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)
פון מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. V. No. 37. New York, Friday, September 14, 1923. פרייטאג, 14טען סעפטעמבער, 1923 PRICE 3 CENTS

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 37

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. אד־ווערטייזמענטס.
זייט 3. אדווערטייזמענטס.
זייט 4. א קורס אין עקאנאמיע — סילוויא קאפאלד. עדיוקיישאנאל נאטיצען.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — ל. לאנ־גער. אדווערטייזמענטס.
זייט 6. א מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 7. צוויי תקיעות (ערצעהלונג) — אברהם רייזען. א שלוס פון זייט 1.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. דעבס האט גארניט צו טאן מיט די יוניאן־ברעכער פון דער „עדיוקיישאנאל ליג" — אברהם טובין. וואונדערליך (געדיכט) — נפתלי גראס.
זייט 10. אויף א מיטינג פון קלאוק און דרעס־מאכער דזשאינט באארד — א סטעף רע־פארטער. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. בריף פון פוילען — דוד מייער. אינטערנעשאנאל קאלענדער — ה. סקולמאן.
זייט 12. קורצע שמועסן. אדווערטייזמענטס.
זייט 13, 14, 15 און 16. אדווערטייזמענטס און שלוסען.

א נאדעל־טרייד אַליינס — געגרינדעט

פרעזידענט מאריס זיגמאן ערוועהלט אלס גענעראל פרעזידענט פון דעם נייעם פארבאנד. — דער „נאדעל־טריידס אליינס" וועט ארבייטען אין די אינטערעסען פון די פינף אינטער־נעשאנאלס פון די נאדעל־ארבייטער אין אמעריקא, וואס שטעלען צונויף דעם פארבאנד. — די קאנפערענץ שליסט זיך מיט די בעסטע אויסזיכטען פאר פרוכטבארער ארבייט אין דער נאהענטער צוקונפט.

פא־אכטאגען פרייטאג און שבת, דעם 7טען און 8טען סעפטעמבער, איז אפגעהאלטען געווארען א קאנפערענץ פון פינף אינטערנעשאנאל יוניאנס פון נאדעל־ארבייטער אין אמעריקא און די קאנפערענץ האט געבראכט גוטע רע־זולטאטען. דער קאנפערענץ האט זיך געעפענט פרייטאג אין דער פריה אין האטעל מארטיניק, בראדוויי און 32טע סטריט און איז נאכדעם פארטגעזעצט געווארען אין דער קאונסיל רום פון אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סטריט.

די פאלגענדע ארגאניזאציעס זיינען דארט געווען פארטראטען:

אונזער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װארקערס יוניאן, די אמאל־גאמייטעד קלאדינג װארקערס אוו אמע־ריקא, די פאריער אינטערנעשאנאל, די קעפמייקערס און מילינערי אינטערנע־שאנאל און די דזשורנימען טיילארס יוניאן. דיזע פינף נאדעל ארבייטער ארגאניזאציעס מיט א מיטגליעדערשאפט פון עטליכע הונדערט טויזענט, האבען געהאט פארשטעהער ביים קאנפערענץ, האבען אויסגעארבייט א פראגראם פון טעטיגקייט און א קאנסטיטושאן, און האבען ערוויילט אן עקזעקוטיוו קאונ־סיל מיט דזשענעראל באאמטע אלס די ווארט־פירער פון דעם ניי־געגרינדעטען פארבאנד.

אלס דזשענעראל באאמטע זיינען ער־וויילט געווארען די פאלגענדע פערזא־נען: מאריס זיגמאן, פון אונזער אינ־טערנעשאנאל, איז ערוויילט געווארען פרעזידענט און מאקס זאריצקי, פון די קעפמייקערס, דזשענעראל סעקרעטער־טרעזשורער. דער עקזעקוטיוו קאונסיל באשטעהט פון די צוויי בעאמטע און פון סידני הילמאן, פון דער אמאלגאמייטעד, מאריס קויפמאן, פון די פאריערס און מא־מאס סוויני, פון די דזשורנימען טיי־לארס יוניאן.

די גאנצע דעלעגאציע אויף דעם קאנ־פערענץ, איז באשטאנען פון די פאלגענדע באקאנטע פערזענליכקייטען אין אונזער ארבייטער־באוועגונג.

פון דער אינטערנעשאנאל — פרעזי־דענט זיגמאן, סעקרעטאר באראף און די וויס־פרעזידענטען י. פיינבערג, דזש. העלער און ה. וואנדער; פון דער אמאל־גאמייטעד — הילמאן, שלאססבערג און בלומבערג; פון די קעפ מייקערס — זאריצקי, צוקערמאן, בוריש, ספעקטאר און גאלדבערג; פון די פאריערס — קאופמאן, וועניס, בראונשטיין, סעם קא־הען און סילווערשטיין; די דזשורנימען טיילארס — טהאמאס סוויני און צוויי יוניאן ארגאנייזערס. די באאמטע פון דעם קאנפערענץ זיינען געווען: טהאמאס סוויני, טשערמאן, און מאקס צוקערמאן, פון די קעפמייקערס, סעקרעטאר.

דער קאנפערענץ האט, אויף'ן פאר־שלאג פון מאריס קאופמאן, געשיקט א בא־גריסונגס טעלעגראמע צו די פיהרער פון די מיינערס, זיי באגריסענדיג מיט דעם סעטעלמענט פון דעם סטרייק אין די קוילען־פעלדער.

זיגמאן איז נאמינירט געווארען אלס פרעזידענט פון פארבאנד פון דזשאזעף שלאססבערג, דזשענעראל סעקרעטאר פון דער אמאלגאמייטעד, און עס איז שפע־טער ביים שליסען פון קאנפערענץ אנגע־וויזען געווארען פון הילמאן'ען, אז ער איז צופרידען וואס זיגמאן'ס נאמיניישאן איז געקומען פון אן אמאלגאמייטעד פאר־שטעהער, כדי עס זאל זיין קלאר פאר אלעמען, אז קיין טייל פון די נאדעל־יוניאנס איז ניט באאיינפלוסט פון די אטאקעס וואס ווערען געמאכט אויף דער אינטערנעשאנאל און אויף איהרע באאמ־טע, אין די אומפאראנטווארטליכע קריי־

(שלוס אויף זייט 7.)

קלאוקמאכער דזשאינט באארד פון באסטאן פארדאמט די „פרייהייט" פאר די בלבולים אויף אונזער אינטערנעשאנאל

דער איין איינציגער „לינקער" וואס געפינט זיך אין דעם דזשאינט באארד שלאגט אליין פאר דאס א פראטעסט־רעזא־לוציע געגען די ליגענס פון די „פרייהייט" זאל אנגענומען ווערען. — עטלאכע „לינקע" ווילען אפברעכען א יוניאן מיטינג און ווערען איינגעשטילט פון דעם צארן פון די מאסען. — מיטגלידער פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד באקומען א שעהנע אויפנאמע. — איזראעל פיינבערג און דזשייקאב העלער אדרעסירען א מאסס־מיטינג פון אינטערנעשאנאל מיטגלידער.

אונזער ספעציעלער קארעספאנדענט פון באסטאן, וואס שרייבט זיך אונטער „א באאבאכטער", האט אונז די וואך צוגעשיקט א קארעספאנדענץ, וועלכע פאסט זיך גאנץ גוט אנצופאנגען אויף דער ערשטער זייט פון דער צייטונג און מיר טוען עס גאנץ גערען. ער שרייבט:

„ביים ענדע פון לעצטע וואך האבען מיר געהאט אין באסטאן עטליכע גאנץ פראמינענטע געסט — איינינע מיטגלידער פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל, וואס זיינען גע־קומען אהער אלס דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן פון דער פיפעלס רעליף.

דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק־מאכערס יוניאן האט זיך באנוצט מיט דער געלעגענהייט פון זייער אנוועזענהייט, און האט זיי איינגעלאדען צו אדרעסירען א מאססמיטינג פון אינטערנעשאנאל מיט־גלידער. דער מיטינג איז גערופען גע־ווארען דינסטאג אווענט, דעם 4טען סעפטעמבער, אין פיין מעמאריאל האל, אין אפעלטאן סטריט. די וויס־פרעזי־דענטען איזראעל פיינבערג און דזשייקאב העלער האבען אנגענומען די איינלאדונג דעם מאססמיטינג צו אדרעסירען.

„דער צוועק פון דעם מאססמיטינג איז געווען, צו באשפרעכען די אלגעמיינע לאגע אין דער קלאוק אינדוסטריע אין באסטאן און די אנדערע קלאוק מארקעטס פון אמעריקא, און דאס איז אויך אנגע־זירט געווארען. אבער ווי ערשטוינט זיינען מיר דא אלע געווארען, ווען מיר האבען געלייענט אין דער „פרייהייט", אז דער מאססמיטינג איז איינבארופען געווארען „ארויסצעווארפען פון דער יו־ניאן דריי מיטגלידער וואס זיינען אק־טיוו אין דער „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג". אט דיזער פארדאמטער ליגען פון דער „פרייהייט" איז געווען אזוי געמיין און פראוואקאטאריש, דאס עס האט אויפגערעגט מאנכע, אפילו פון די זא־גענאנטע „לינקע". אפילו זיי האבען שוין ניט געקאנט פארטראגען, דאס א צייטונג, וואס קליימט צו האבען א מא־נאפאל אויף עהרליכקייט, זאל זיך אונ־טערנעמען צו פארשפרייטען אזעלכע פאלשע און געמיינע קלאגען געגען דער יוניאן, כדי אנצומאכען א טומעל און פארשפרייטען האס צווישען די ארבייטער.

„עס איז ווערט צו דערמאנען, דאס דער פארטרעטער פון דער „פרייהייט" אין באסטאן האט צוגעגעבען צו דעם שרייבער פון דיזע שורות אז דאס וואס די „פרייהייט" האט געשריבען איז גע־ווען א ליגען. ער האט פארזיכערט דאס ער האט דאס ניט געשריבען, און דאס ער וועט זעהן, דער ליגען זאל באלד צוריק־גערופען ווערען. אבער דערווייל האבען

(שלוס אויף זייט 13.)

קלאוק קאטערס טארען ניט ארבייטען ביי דזשאבערס

אויף דעם מיטינג פון דזשאינט באארד פון די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן לעצטען פרייטאג, איז אנגענומען געווא־רען א ווייכטיגער באשלוס אין באצוג צו די קאטערס וואס ארבייטען פאר די דזשאבערס אין דער אינדוסטריע. עס זיינען נעמליך דא אזעלכע דזשאבערס, וואס באשעפטיגען קאטערס און זיי שיקען ארויס מאכען צעשניטענע באנדעלס. אבער דאס הייסט דאך שוין ניט אז זיי „קויפען" די גארמענטס, ווי זיי באהויפ־טען עס, נאר אז זיי מ א כ ע ן זיי. זיי זיינען, הייסט עס, ניט דזשאבערס נאר מאנופעקטשורערס. אבער זיי זיינען מא־נופעקטשורערס א ה ן ש ע פ ע ר, זיי מאכען אויף די גארמענטס אין ווער ווייס וואסערע שאפקעס!

כדי דאס אפצושטעלען, האט דער דזשאינט באארד באשלאסען דאס קיין קלאוק־קאטער טאר ניט ארבייטען פאר א קלאוק דזשאבער.

ברודער לואיס ע. לאנגער, דער סעק־רעטער פון דעם דזשאינט באארד, בעט אונז דערינבער צו פארעפענטליכען דעם פאלגענדען סטייטמענט אין נאמען פון דזשאינט באארד, צו די קלאוק־קאטערס, די מיטגלידער פון לאקאל 10.

„ברידער קאטערס! דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן האט אויף זיין לעצטען מיטינג בא־שלאסען אויפצופאדערען די מיטגלידער פון דער קאטערס יוניאן, לאקאל 10, ניט אנצונעמען באשעפטיגונג אלס קאטערס ביי קלאוק דזשאבערס.

„די יוניאן וועט זיין שטרייננג מיט דעם און וועט אויפפאסען, אז דער בא־שלוס זאל פינקטליך דורכגעפיהרט ווערען.

„מיטגלידער פון לאקאל 10, וועלכע וויסען פון קאטערס וואס זיינען באשעפ־טיגט ביי דזשאבערס, ווערען אויפגעפא־דערט צו לאזען דאס וויסען אין דעם דזשאבינג דעפארטמענט פון דער יוניאן, אין 130 איסט 25טע סטריט, אויפ'ן 6טען פלאר.

מיט ברידערליכען גרוס,
דער דזשאינט באארד פון קלאאק, סקוירט, דרעס און ריפער־מא־כער יוניאן.

די טומעלמאכער פון לאקאל 1 ברעכען אפ א יוניאן מיטינג

דער לאקאל וועט רופען די פארשוינען צו פאראנטווארטליכקייט.

ווי עס איז געווען געמעלדעט לעצ־טע וואך אין די „גערעכטיגקייט", האט די קלאוק אפערייטארס יוניאן לאקאל 1 איינגערופען א מעמבער מיטינג לעצ־טען דאנערשטאג אווענט, דעם 6טען סעפטעמבער, אין מאנהעטען ליסעאום, אויף וועלכען עס האבען געזאלט דיס־קוטירט ווערען גאנץ וויכטיגע פראגען אין די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון די אפערייטארס אין די שעפער.

אויף דעם מיטינג האבען געזאלט באראטען ווערען די פאלגענדע פונק־טען:

ווענען א דזשענעראל ארגאניזאציאנס דעפארטמענט וואס דער דזשאינט באארד האט באשלאסען איינצושטעלען צו ארגאניזירען די סקעב שעפער און אויפצופאסען אויף די יוניאן קאנדי־שאנס; ווענען א ספעציעלע אקציאנס קאמיטע ניט צו דערלאזען קיין סקעב־שעפער; ווענען דעם אז מען זאל ניט ארבייטען איצט קיין אווערטיים, כדי עס זאל זיין ארבייט פאר מעהרער קלאוק־מאכער; ווענען געפינען פלע־צער פאר ארבייטסלאזע קלאוקמאכער

(שלוס אויף זייט 14.)

טעטיגקייטען ביי די אינטערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן

פון א באאבאכטער.

איין דזשאינט באארד פאר אלע לאקאלס אין באסטאן.

די טעטיגע מיטגלידער פון אלע לא־קאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אין באסטאן זיינען איצטער פארנומען מיט דער ארבייט, צו עטאבלירען א י י ן ד ז ש א י נ ט ב א א ר ד, פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס, וואס געפינען זיך אין באסטאן, און ווי עס שיינט, ווערט דאס אין גיכען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. דער אנפאנג איז געמאכט געווארען מיט איינינע חדשים צוריק פון פרעזידענט זיגמאן און וויצע פרעזידענט פערלשטיין, אבער ווי עס פאסירט דאס רוב מיט יעדען נייעם אויפטו, האט זיך אויך געגען דעם געפונען א שטיקעל אפאזיציע, וואס מען האט געדארפט איבערקומען, און אלס א קאמפראמיס איז דעמאלט געגרינדעט געווארען „א דיסטריקט קאונסיל". אבער דער „קאונסיל" האט ניט געהאט אין זיך קיין סך לעבען, ער האט ווייניג וואס פונקציאנירט. דורך דער צייט פון זיין עקזיסטענץ האט ער בלויז איין מאל געהאט א מיטינג, עס זיינען אויס־געוויילט געווארען בעאמטע און... מיט דעם האט זיך עס געענדיגט. דער „דיסטריקט קאונסיל" איז, אלזא, געווען א דורכפאל גלייך ביי זיין געבורט.

עס ווערען אנגענעבען איינינע אור־זאכען פאר דער אפאזיציע געגען איין דזשאינט באארד פאר אלע לאקאלס אין באסטאן. די הויפט אורזאכע איז, דאס די באציהונגען צווישען דעם קלאוקמא־כער דזשאינט באארד און די דרעססמא־כער יוניאן לאקאל 49 זיינען געווען אבי־כעל אנגעצויגען. אבער לעצטענס האט זיך די לאגע א סך געענדערט און דוקא צום גוטען. די גרויסע ביזי אין דרעס טרייד האט באשאפען א נייעם סיטוא־ציע, א סיטואציע, דאס די סקוירט מא־כער פון לאקאל 24 האבען גענומען פא־דערען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, עס זאל שוין איין מאל פאר אלע מאל געשאפען ווערן איין דזשאינט באארד פאר אלע לאקאלס אין באסטאן. אין דעם זין האט לאקאל 24 אנגענומען א רעזאלוציע, וועלכע איז אויך צוגע־שיקט געווארען צו אונזער קלאוקמאכער דזשאינט באארד.

דער דזשאינט באארד האט די רע־זאלוציע אנגענומען און כדי די זאך וואס גיכער דורכצופיהרען, האט דער דזשאינט באארד איינגערופען א מיטינג פון אלע עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס וואס זיינען צו איהר אנגע־שלאסען, אויף וועלכען די פראגע איז גאנץ גענוי דיסקוטירט געווארען און איז אויך איינשטימיג גוטגעהייסען גע־ווארען.

דער נעקסטער שריט אין דער ריכ־טונג וועט זיין צו רופען א מיטינג פון די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע אינ־טערנעשאנאל לאקאלס אין באסטאן, און אויב דער דזשענעראל אפיס פון אונזער אינטערנעשאנאל וועט אין דעם אבי־כעלע צוהעלפען, וועט גאר אין דער נא־הענטער צוקונפט זיין אין באסטאן איין דזשאינט באארד פון קלאוק, סוט און דרעססמאכער. איין דזשאינט באארד וועט זיין ווירקזאמער אין זיין ארבייט, עס וועט זיין ווייניגער אויסגאבען און וועט אין אלגעמיין זיין בעסער פאר די מיטגלידער פון אלע אונזערע אינטער־נעשאנאל לאקאלס אין באסטאן.

*

די לאגע ביי די קלאוקמאכער.

די לאגע ביי די קלאוקמאכער אין באסטאן איז ניט אנדערש ווי אומע־טום. עס איז ניטא קיין ארבייט! קיין סוטס מאכט מען ניט און קאוטס זיינען אויך ניטא אזוי פיל ווי מען האט גע־קענט ערווארטען. דער רעזולטאט איז, דאס א סך די קלאוקמאכער האבען ניט קיין ארבייט. א באזונדער אומצופרי־דענהייט ברענגט ארייין דער פאקט, וואס אונזערע דזשאבבערס קויפען נאך פאר־טיגע גארמענטס אין ניו יארק און אנ־דערע שטעדט. די לאגע האט געפיהרט צו דעם, דאס א היבש ביסעל קלאוק־מאכער, מיטגלידער פון לאקאל 56, ווע־רען באשעפטיגט אין די דרעס שעפער.

צום קרעדיט פון די בעאמטע און מיטגלידער פון די דרעססמאכער פון לא־קאל 49 דארף דא געזאגט ווערען, דאס די קלאוקמאכער וואס קומען ארבייטען אין די דרעס שעפער, ווערען אויפ־גענומען מיט אפענע ארעמס אויף א אמת ברידערליכען אופן. מען טוט אלץ וואס מען קען זיי צו העלפען קריגען באשעפטיגונג אין די דרעס שעפער.

די דרעססמאכער ווייסען, אז אין קלאוק טרייד הערשט איצט א קריזיס, עס איז זעהר א שלעכטע צייט, און ווי פיהלען און באגרייפען, דאס אין אזא צייט קאן ניט זיין די פראגע, איבער־הייבט נאך ביי מיטגלידער פון איין אינטערנעשאנאל יוניאן, פון „אונזערע" מיטגלידער אדער „אייערע" מיטגלידער. דער פאקט איז, דאס דער אפיס פון לאקאל 49 טוט אלץ וואס ס'איז נאר מעגליך צו באזעצען די ארבייטסלאזע קלאוקמאכער אין די דרעס שעפער. און דאס, ווי מיר האבען שוין פריער בא־מערקט, שאפט א בעסערען גייסט אין דער גאנצער יוניאן. ארבייטענדיג צו־זאמען אין איין שאפ, ווערען די קלאוק־מאכער מיט די דרעססמאכער צווישען זיך פארבונדען און ווי פיהלען זיך ווי מיטגלידער פון איין יוניאן, נאך איידער עס איז איין דזשאינט באארד איז עטאב־לירט געווארען.

*

א ספעשעל מיטינג פון מעמ־בערס פון לאקאל 24.

די מיטגלידער פון לאקאל 24 הא־בען געהאט א ספעציעל מיטינג וועגען דער שלעכטער לאגע אין קלאוק טרייד און עס זיינען אויפגענומען געווארען איינינע פראגען, ווי אזוי צו פרובירען די לאגע מאכען בעסער.

אלס א רעזולטאט דערפון זיינען נאכדעם פארגעקומען צוויי קאנפערענ־צען צווישען דער יוניאן און די דזשא־בערס אסאסיאיישאן. די יוניאן איז באשטאנען אויף דעם, דאס אזוי לאנג ווי די קלאוקמאכער אין באסטאן האבען ניט גענוג ארבייט, דארפען זיי מאכען אלע זייערע גארמענטס אין באסטאן און ניט קויפען פארטיגע אין אנדערע שטעדט.

די פראגע איז נאך ניט געסעטעלט, די קומענדע וואך וועט זיין נאך אזא קאנפערענץ, אויף וועלכען עס ווערען אויך זיין פארטרעטער פון די קלאוק קאנטראקטארס אסס'ן, אויף וועלכען די לאגע וועט גאנץ גענוי באטראכט ווע־רען עס זיינען יערענפאלס דא האפ־נונגען, דאס נאך לייבאר דעי וועט די לאגע ממילא בעסער ווערען. הלואי זאל עס זיין אזוי!

א מערעם הויז אין ווארשע.

מיר, די אפערייטארס פון ימעקס לאנס שאפ, 28 איסט מארקעט סטריט, באגריסען די איניציאטיווע פאר א מע־רעם הויז אין ווארשא, און מיר ווינשען אז דאס הויז זאל ווערען די גייסטיגע היים פאר אלע אידישע ארבייטער אין פוילען און א מוסטער פאר די אידישע ארבייטער אין אמעריקא. און מיר גי־בען אויס'ן פאנד פון מערעם הויז די סומע פון 5 דאלאר מיט 30 סענט, וואס עס איז צונויפגעקליבען געווארען פאר'ן פיקעטען, מיטשעל ברוידי'ס שאפ. די געלט איז אפגעגעבען געווארען אין „פארווערטס" אפיס, שיקאגא, לויט רעסיט נומער 3271.

מיט סאציאליסטישען גרוס

די קאמיטע.

רושעק פיינבערג, שאפ טשערמאן.
רושא ראטשטיין.
ח. סטאלאוויצקי.

א וויכטיגער מיטינג פון לאק. 1 איבער טרייד־פראגען

(שלוס פון זייט 1.)

בער אלע פארהאנדלונגען וואס זיינען פארגעקומען צווישען דער יוניאן, די סאב־מאנופעקטשורערס און די דזשא־בערס; דער רעזולטאט פון די פארהאנד־לונגען, און וועגען דער ווירקונג וואס דער רעזולטאט קען האבען אויף די אר־בייטס־באדינגונגען אין די שעפער.

דער מיטינג וועט זיין אין מאנהע־טען לייסעאום, 64 איסט 4טע סט.

די עקזעקוטיוו פון לאקאל 1 רופט אלע מעמבערס צו דיזען מיטינג. עס וועלען אויך אפגעגעבען ווערען באריכ־טען איבער זעהר וויכטיגע לאקאל־פראגען.

דאלארס קיין פוילען

און אנדערע שכנ'ישע לענדער

אמעריקאנער דאלארס און די אמעריקאנער וואלוטע האבען שוין א לאנגע צייט דעם העכסטען קויף־ווערט אין פוילען און עס איז דעריבער געשאפען געווארען א פארלאנג פאר אריבערשיקען און

אויסצאלען אמעריקאנער דאלארס אין דער אלטער היים

די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני

וועלכע האט די נויטיגע ארגאניזאציאן און מעגליכקייטען אויסצוצאהלען געלט איבער דער גאנצער וועלט, האט דערזעהן אט דיזע נויטווענדיגקייט און האט ארגאניזירט און פארפאלקאמט א סיסטעם אויסצוצאהלען שנעל און זיכער אמעריקאנער דאלארס אין פוילען רוסלאנד און אין אנדערע לענדער.

מיר זיינען איצט אימשטאנד באקאנט צו מאכען דאס דיזע סיסטעם ארבייט שוין מיט גרויס ערפאלג פילע מאנאטען און די רעזולטאטען זיינען זעהר צופרידענשטעלענד.

אריבער $1,000,000 (איין מיליאן דאלער) זיינען אריבערגעשיקט געווארען קיין פוילען און סאוועט־רוסלאנד

און די רעסיטס, וועלכע קומען צוריק ווייזען, אז די אריבערגעשיקטע געלדער זיינען אויסגעצאהלט געווארען שנעל און פינקטליך

מיר האבען ספעציעלע פארשטעהער אין ווארשוי און אין מאסקווע פאר דעם צוועק פון אויסצאהלען שנעל די איבערגעשיקטע געלדער.

אמעריקאנער דאלערס

ווערען אויסגעצאלט אין פוילען, רוסלאנד, דייטשלאנד, עסטרייך און אונגארן.

געהט אריין אין איינעם פון די אפיסעס פון די אמעריקאן עקספרעס קאמפאני אין אייער שטאדט אדער אין איינעם פון די אפיסעס וואס מיר צייגען דא אן, אדער שרייבט פאר אויסקינפטע צום רעזידענט מענעדזשער פון אירגענד וועלכען אפיס.

ניו יארקער אפיסעס פון דער אמעריקאן עקספרעס קאמפאני:

דזשענעראל אפיס, 65 בראדוויי.

2 איסט בראדוויי — קארנער טשעטהעם סקוועער. — 2 EAST BROADWAY — Corner of Chatham Square	17 וועסט 23טע סט. — קארנער פינפטע עווענױ. — 17 WEST 23RD STREET — Cor. of Fifth Ave.

22 וועסט 15טע סטריט. 118 וועסט 39טע סטריט 1251 3טע עוועניו.
1 וועסט 125טע סטריט מארים פארק און 180טע סט. 2131 בראדוויי.
3טע עוו. און 41טע סט., ברוקלין, נ. י. 876 בראד סט., נוארק, נ. דזש.

איינינגע אמעריקען עקספרעס אפיסעס אין אנדערע שטעדט:

אטלאנטא, גא., 29 לוקי סטריט.
באלטימאר, מד., 182 וועסט פעיעט סט.
בירמינגהאם, אלא., 4 נארטה 19טע סט.
באסטאן, מאסס., 43 פרענקלין סטריט.
באפאלא, נ. י., מעין און אירי סטס.
שיקאגא, איל., 32 נארטה דירבארן סט.
סינסינעטי, א., 4טע און רייס סטס.

קליוולאנד, א., 2048 איסט 9טע סט.
דאללאס, טעק., 1306 קאמערס סטריט.
דענווער, קאל., 1643 סטאוט סט.
דעטראיט, מיש., 25 פארט סט., וועסט.
אינדיאנאפאליס, אינד., 32 סאוט מערידיאן סט.
קענזעס סיטי, מא., 1125 מעקגי סט.

לאס אנדזשעלעס, קאל., 724 ס. אליוו סט.
מינעאפאליס, מינ., 619 מארקעט עוו.
מאנטרעאל, קענ., 521 פיליפס סקווער.
מילוואקי, וויס., 366 בראדוויי.
ניו ארלינס, לא., 709—707 גרייווויער סט. טשארלז האטעל בילדינג.
פילאדעלפיא, פא., 1708 טשעסנוט סט.
פיטסבורג, פא., 909 ליבערטי עוועניו.

סאלט לייק סיטי, יוטא, 26 וועסט 2טע סאוט סטריט.
פארטלאנד, ארע., 6טע און אוק סטס.
סאן פראנציסקא, קאל., מארקעט סטריט ביי סעקאנד.
סט. לואיס, מא., 9טע און לאקוסט סטס.
סיאטעל. וואש., 804 דריטע סטריט.
וואשינגטאן, ד. ק., 1331 דזשי סטריט.

כמעט אין יעדער געגענד, כמעט אין יעדער שטאט און שטעטעל, וואו עס איז נאר דא א ריילוויי סטיישאן, דארט איז אויך פאראן אן אמעריקאן רעילוויי עקספרעס אפיס. כמעט דורך יעדען פון דיזע אפיסעס, מעהר ווי 30,000 אין צאל, קענט איהר שיקען געלט נאך דער אלטער היים דורך די אמעריקאן עקספרעס קא.

איר קענט אויך שיקען געלט דורך אן אויטאריזירטען אמעריקאן עקספרעס איידזשענט, וואס הענגט ארויס אן אמעריקאן עקספרעס סיין. זעהט אז איר זאלט קריגען אן אמעריקאן עקספרעס רעסיט. דאס איז אייער פארזיכערונג געגען פארלוסט.

זעהט, אז איהר זאלט קריגען אן אמעריקאן עקספרעס קאמפאני רעסיט, דאס איז אייער פארזיכערונג געגען פארלוסט.

American Express Company

65 BROADWAY, NEW YORK CITY

די וואך

פון מאקס ד. דאניש

די נידעל טריידס וואָרקערס אליענס.

רעצענט וואך איז, נאך א צוויי-טעגיגער קאנפערענץ פון פארטרעטער פון די פינף הויפט אינטערנעשאנאל יוניאנס פון נאדעל-טרייד, געגרינדעט געווארען א פארבאנד פון די נאדעל טרייד יוניאנס פון אמעריקא. מיט איבער צוויי יאהר צוריק האט די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן אנגעפאנגען א באוועגונג פאר דער גרינדונג פון אזא פארבאנד. צוליב א רייהע אורזאכען האט דער דאזיגער פראיעקט ניט געקענט פארווירקליכט ווערען ביז איצט, ווען ער איז ענדליך געווארען א פאקט.

די אליענס פון די נאדעל-ארבייטער נעהמט ארום די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן, די אמאלגאמייטעד קלאָדהינג וואָרקערס אין אמעריקא, די אינטערנעשאנאל פאר וואָרקערס' יוניאן, די יונייטעד קלאטה העט ענד קעפ מייקערס יוניאן און די דזשורניימען טיילארס יוניאן. זי שטעלט מיט זיך פאר א מיטגלידערשאפט פון ארום 350,000 ארבייטער. די אליענס וועט זיין איינע פון די גרעסטע ארבייטער-ארגאניזאציאנען אין אמעריקא און וועט אהן ספק שפּילען א גרויסע ראָלע אין דעם קאמף פון די ארבייטער פון די נאדעל-טריידס פאר א בעסערען לעבען. די נייע ארגאניזאציע איז א פעדעראציע פון די באשטעהענדע ארגאניזאציאנען, פון וועלכע יעדע איינע וועט בלייבען פאלשטענדיג אויטאנאם און זעלבשטענדיג. בראש פון דער אליענס שטעהט אן עקזעקוטיוו קאונסיל, וועלכער באשטעהט פון פינף מיטגלידער, צו איינעם פון יעדער פון די פינף אנגעשלאסענע אינטערנעשאנאלס. אט דער עקזעקוטיוו קאונסיל וועט האבען די פולע מאכט אויסצופיהרען די ארבייט פון דער אליענס.

די גרינדונג פון דער אליענס שטעלט מיט זיך פאר נאר א באדייטענדען שריט פארווערטס אין דעם לעבען פון די ארבייטער-ארגאניזאציאנען אין די נאדעל-אינדוסטריען. דאס איז א קלארער, פראקטישער שריט, וואס באצוועקט נעהנטער צוזאמענצוברענגען די ארבייטער-ארגאניזאציאנען פון נאדעל-טרייד און אפצושאפען די מינדעסטע מיספארשטענדניס צווישען זיי, וואס האבען פיליייכט עקזיסטירט אין דער פארגאנגענהייט. דאס וועט זיין אן אמת'ער פארבאנד צווישען זעלבשטענדיגע ארבייטער-ארגאניזאציאנען, אהן שום דיקטאטארישער אויבער-מאכט, וואס זאל זיך קענען אריינמישען אין די אינערליכע אנגעלעגענהייטען פון די איינצעלנע ארגאניזאציאנען. פון רעסטוועגען וועט דער פארבאנד געוויס געפינען גענוג וועגען ווי אזוי צו ארבייטען פאר דער געמיינשאפטליכער טובה פון אלע זיינע אנגעשלאסענע אינטערנעשאנאלס, און די דאזיגע ארבייט וועט אהן צווייפעל פיהרען דערצו, אז די ארבייטס-באדינגונגען פון אלע אפטיילונגען פון דער נאדעל-אינדוסטריע זאלען מיט דער צייט ווי ווייט מעגליך אויסגעגלייכט ווערען.

מוסאָליני'ס צוריקטרים.

עס ווייזט אויס, אז דער חוצפה'דיגער איטאליענישער דיקטאטאר האט ערליטען אן ערנידריגענדע נידערלאגע. אט ערשט, דוכט זיך, האט ער מיט זיין כאראקטעריסטישער ארראגאנץ געשפּיגען אויף אלע און אלעמען אין דער וועלט, איבערהויפט אויף דער ליג אוו ניישאנס, אויף יענער געבאכדיגער, אונשעדליכער באשעפעניש, וואס טשעפעט ניט א פליג אויף דער וואנט און איז פשוט גאט די נשמה שולדיג. און מיט אמאל האט זיך מוסאָליני פארוואנדעלט אין א מענשען, וואס איז „איבערפילט מיט טרויער" דערפון, וואס די אמעריקאנער און בריטישע עפענטליכע מיינונג איז אזוי פיינדליך ארויסגעטראטען געגען איהם, און ער האט באפוילען זיין פארטרעטער אין זשענעווא צו ערקלערען, אז ער איז ניט אזוי שווארץ ווי מען מאַלט איהם, אז ער איז, אדרבא ואדרבא, זיך גרייט צו פארגלייכען.

די באדינגונגען, וועלכע מוסאָליני האט איצט אנגענומען, זיינען פאקטיש די זעלבע, וואס די גריכען האבען איהם אנגעטראגען ביים סאמע אנפאנג פון דעם סכסוך. די גאנצע אנגעלעגענהייט ווערט איבערגעגעבען צום אינטערנאציאנאלען געריכט אין האאג, וועלכער וועט פעסטשטעלען די פאקטען און באשטימען די סומע שאדען-ערזאץ, וואס גריכענלאנד זאל באצאהלען פאר דער ערמארדונג פון די איטאליענישע מיליטער-לייט.

פון רעסטוועגען איז עס נאך צו פריה צו קומען צום שלוס, אז די אנגעלעגענהייט איז שוין ווירקליך אינגאנצען געשליכטעט און אז „רעכט האט געזיגט איבער מאכט". מען דארף האבען אין זינען, אז פארלויפיג האלט נאך מוסאָליני אין זיינע לאפעס דעם „דימענט פון אדריאטישען ים", דעם אינזעל קארפו, צו וועלכען איטאליען האט אזא שטארקען חשק. מיר ווייסען פון ערפאהרונג, אז די הערען, וועלכע גיבען זיך אפ מיט פארכאפען פרעמדע טעריטאריעס כדי „אויפצוהאלטען דעם נאציאנאלען כבוד", לאזען עס ניט ארויס פון זייערע הענט אזוי גרינג. עס מוז, נאטירליך, נעהמען צייט ביז דער געריכט אין האאג וועט ארויסגעבען זיין ענטשיידונג מיט אלע איינצעלהייטען. אויב די פאשיסטען וועלען דערווייל ווייטער האלטען קארפו, קען קארפו אביסעל שפעטער שוין אויך ווערען א טייל פון „איטאליא אירידענטא" און אהן א שיעור אורזאכען קענען אנגעגעבען ווערען פארוואס קארפו זאל שוין פארבלייבען ביי איטאליען אויף שטענדיג.

דער קויהלען-פרידען.

אונטער דער אנפיהרונג פון דזשאהן ל. לואיס און זיינע געהילפען, האבען די הארטע קויהלען מיינערס געוואונען א נאר, נאר גרויסען זיג, און זיי וועלען זיך אומקעהרען צו דער ארבייט אין די מיינס אום דעם 20טען סעפטעמבער.

דער נייער אפמאך פארקערפערט אין זיך די מייסטע פונקטען, וואס גאווערנאר פינטשאט האט פארגעשלאגען. ער ענטהאלט אין זיך א צעהן-פראצענטיגע העכערונג אין שכירות, פאלשטענדיגע אנערקענונג פון דער יוניאן (חוץ דעם „טשעק-אף" סיסטעם) און אנדערע קלענערע געווינסען. ער שטעלט מיט זיך פאר א באשטימטען זיג, מיט וועלכען יעדע ארבייטער-ארגאניזאציע וואלט געקענט שטאלץ זיין.

דער אגרימענט דארף זיין אין קראפט צוויי יאהר צייט, באטש לויט די פונקטען פון דעם אגרימענט איז עס ניט דוקא אז ער מוז דויערען פולע צוויי יאהר, ווארים יעדער צד וועט האבען דאס רעכט אויך פאר די צוויי יאהר צו פארערען ענדערונגען אין דעם אגרימענט.

די פראגע, וואס דאס אלגעמיינע פובליקום פרעגט איצט, איז: ווער וועט באצאהלען די הוספה אין די שכירות פון די מיינערס? אי די פרעסע אי דער אלגעמיינער עולם גלויבען עפעס ניט, אז די מיין-מאגנאטען — וועלכע האבען זיך דורך דער צייט פון דער מלחמה צוגעוואוינט צו ריזיגע פראפיטען — זאלען באצאהלען די הוספה פון זייער איינענער קעשענע. אלע סמנים ווייזען, אז די העכערונג וועט ארויפגעלעגט ווערען אויף די וואס פארברויכען די הארטע קויהלען.

גאווערנאר פינטשאט האט דאס כשמעות געוואלט פארמיידען, און ער האט צוגעשיקט א בריף צו פרעזידענט קולידזש, אין וועלכען ער לעגט פאר פלענער ווי אזוי דאס צו פארמיידען. ער שלאגט פאר, אז די אינטערסטייט קאמערס קאמישאן זאל אונטערזוכען די פראכט-ראטעס אויף קויהלען מיט דער אבזיכט זיי צו פארקלענערען, און אז עס זאל געמאכט ווערען אן אונטערזוכונג וועגען דעם וויפיל פראפיט עס מאַכען די אלע, וואס האנדלען מיט די קויהלען, ביז עס קומט אן צום פארברויכער. פינטשאט רעכנט, אז די אייזענבאהנען וואלטען געקענט אביסעל ארונטערלאזען פון די פראכט-רייטס, און אז די קויהלען-מאגנאטען וואלטען געקענט אביסעל ארונטערלאזען פון זייערע רווחים, און דאך זאל זיי אלעמען נאך בלייבען א פיינער רווח. אבער דערווייל האלט עס נאך נאטירליך ווייט דערפון. ניט די אייזענבאהנען און ניט די מיין-אייגענטימער און קויהלען-הענדלער ווילען עפעס ארונטערלאזען, און צי מען קען זיי צווינגען דערצו איז א גרויסע פראגע.

א מיליאָן און א האלב ראדיקאלען.

פון צוויי ענטגעגענגעזעצטע לאגערען איז אין די לעצטע צוויי וואכען געקומען א ווארנונג, אז עס געפינען זיך צווישען אונז גאנצע מיליאנען „ראדיקאלען", וועלכע האבען זיך פארנומען צו צושטערען, צו פארניכטען און אומצוּוואַרפען די עקזיסטירענדע סאציאלע און עקאנאמישע אינסטיטוציעס פון לאנד. די קוועלען, פון וועלכע די דאזיגע מוראדיגע ווארנונג איז געקומען, איז — די „קאמיטע אן אמעריקען סיטיזענשיפ" פון דער אמעריקען באר אססאָסיאיישאן, און . . . א קאמיטע פון דער יונייטעד מיין וואירקערס יוניאן. די באר אססאָסיאיישאן-קאמיטע האט אויף דער קאנווענשאן פון דער באר אסס'ן, אין מיניאפאליס אנגעגעבען די צאהל „ראדיקאלען" אלס ניט ווייניגער פון אנדערהאלבען מיליאן, און אז זיי האבען וועלכע 400 צייטונגען און צייטשריפטען, וועלכע האבען פינף מיליאן לעזער און א בודזשעט פון 3 מיליאן דאלאר. די קאמיטע פון דער מיינערס יוניאן, ווידער, וועלכע האט פאר די לעצטע זעקס חדשים אונטערזוכט די טעטיגקייט פון די „רויטע" אין די קויהלען-פעלדער, גיט אן די צאהל ראדיקאלען אלס 1 מיליאן און באהויפטעט, אז זיי פיהרען אן א ווייט-פארשפּרייטע און פארצווייגטע רעוואלוציאנערע טעטיגקייט.

מען קען גלייך זעהן, אז די אנגעגעבענע ציפערען זיינען ניט מעהר ווי נארישע איבערטרייבונגען. מילא, אז די לייטע פון דער באר אססאָסיאיישאן ווילען צוזאמענמישען אין איין קוגעל אלע ראדיקאלען, ניט מאכענדיג קיין אונטערשייד צווישען דער קליינער גרופּקע שווארץ-קעפיגע טומעל-מאכערס און ברעכערס און די גרויסע, וואס ווייטער אלץ וואקסענדע מאסע אונצופרידענע ארבייטער און פארמערס, וועלכע ווילען זיך דערשלאגען צו זייער גערעכטיגקייט אין דער געזעלשאפט, איז עס נאך צו פארשטעהן. דערויף איז עס דאך די באר אססאָסיאיישאן. אבער דער באריכט פון דער מיינערס קאמיטע איז שוין אביסעל צופיל פאר אונז. עס לעגט זיך אויפ'ן שכל, אז וואס זיי דערצעהלען וועגען דער אקטיוויטעט פון די קאמוניסטען איז אמת. אבער עס איז אביסעל צופיל ערוואַרטעט פון אונז, מיר זאלען גלויבען, אז דאס הייפעלע גרינגע קאמוניסטען, וועלכע קענען אפילו ניט גוט די ענגלישע שפּראך, זאלען האבען געהאט אזא גרויסען איינפלוס אין דעם שטאהל-סטרייק פון 1919, אין דעם סוויטשמען'ס סטרייק פון 1920 און אין די אייזענבאהן- און קויהלען-סטרייקס פון 1922.

עס זיינען געוויס פאראן אין די פאראייניגטע שטאאטען מעהר ווי אנדערהאלבען מיליאן מענשען, וואס גלויבען, אז זיי קריגען ניט קיין „סקווער דיל" אין דער היינטיגער געזעלשאפטליכער ארדנונג, און וואס ווילען אן ענדערונג. שוין מיט איבער צעהן יאהר צוריק האט דעבס, דער סאציאליסטישער קאנדידאט פאר פרעזידענט, באקומען כמעט א מיליאן שטימען; און די הונדערטע טויזענד שטימען וואס זיינען די לעצטע פאר יאהר אפגעגעבען געווארען פאר דער פארמער-לייבאר-באוועגונג זיינען געניגענדע באווייזע, אז די אונצופרידענהייט אין לאנד וואקסט. אבער צוצושרייבען א קליינער אונטערערדישער גרופּעלע פאנאטיקער אזא מאכט און איינפלוס, וואס ניט זיי האבען און ניט זיי קענען ווען עס איז האבען אין אמעריקא — וויפיל געלד זיי זאלען ניט באקומען פון אויסלאנד — איז ניט נאר נאריש, נאר קיינער וועט עס פשוט ניט גלויבען.

דרעסמאכער

יוניאן לאקאל 23, אויפמערקזאם!

דרעסמאכער, מעמבערס פון לאקאל 23, ביי וועמען די ביזנעס-אייזשענטס האבען צוגענומען די יוניאן ביכלאך, דארפען ווערען מעמבערס פון לאקאל 22, נאך דעם 1טען סעפטעמבער.

אום צו מאכען דעם טראנספערירען לייכט פאר די מעמבערס, זיינען פאלגענדע אראנדזשמענטס געמאכט געווארען:

1. שאפ-טשערלייטס פון לאקאל 23 שעפער וועלען דארפען געהן צו ברודער שעהנהאלץ, 16 וועסט 21טע סטריט, צו קריגען נייע ביכלאך פאר די אלע ארבייטער פון שאפ, ביי וועמען דער ביזנעס-אייזשענט האט צוגענומען די יוניאן-ביכלאך.

2. אלע שולדען וואס די מעמבערס זיינען ריקשטענדיג וועלען זיי דארפען אויסצאהלען, אין א קורצער צייט, צו לאקאל 22.

3. לאקאל 23 מעמבערס, וועלכע ארבייטען אין לאקאל 22 שעפער, וועלען זיך דארפען טראנספערירען אויף דעם זעלבען אופן.

אלע אונזערע געטראנספערירטע מעמבערס וועלען קריגען זייערע אלטע לעדזשער נומבערס.

מיט ברידערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 23

ה. גרינבערג, טשערמאן — מ. לינד, מענעדזשער.

נ. ב. — אראנדזשמענטס וועלען ווערען געמאכט אז אלע אונזערע געטראנספערירטע מעמבערס זאלען ניט פארלירען דעם נוצען וואס זיי האבען געהאט ביז יעצט פון סיק און קאנסאמפשאן פאנד.

ווילט איהר ווערען א סיטיזען?

מאכט ניט קיין שריט אהן דיזען ביכעל.

דער ניט-בירגער שטעלט זיך געוועהנליך פאר, אז צו ווערען א בירגער איז זעהר, זעהר שווער. ער ווייס, אז מען מוז קענען ענטפערען אויף געוויסע פראגען. שטעלט ער זיך פאר: א שווערער עקזאמען. און אזוי ווי צו שווערע זאכען כאפט מען זיך ניט, ווערט ער ניט קיין בירגער.

אין דער אמת'ן איז ניט שווער צו ווערען א בירגער.

נאטירליך, עס פאדערט זיך, אז מען זאל וויסען, ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג ווערט געפירט, ווי אזוי די געשעפטען פון סטייט און שטאדט ווערען פארוואלטעט, אבער אום דאס צו וויסען דארף מען ניט ענדיגען א קאלעדזש.

פאר דיזען צוועק האט די נעטשוראליזיישאן אייד ליגע ארויסגעגעבען א גאנץ נייעם ביכעל, וועלכער הייסט „דער אמעריקאנער סיטיזען". אין דיזען ביכעל איז אנגעגעבען אלעס וואס מען דארף וויסען צו ארויסנעהמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס. די נעטשוראליזיישאן געזעצען זיינען אין דיזען ביכעל ערקלערט אין א פארשטענדליכער אידישער שפראך און ניט א פאלשטענדיגען באגריף וועגען אלעס וואס אנבאלאנגט בירגערשאפט.

אויסער דעם ענטהאלט דיזער ביכעל די פראגען, וועלכע ווערען געשטעלט אין קאורט צו די יעניגע וועלכע נעהען ארויסנעהמען סיטיזען-פעפירען. די פראגען זיינען איבערגעגעבען אין ענגליש, אידיש און ענגליש מיט אידישע בוכשטאבען פאר די, וועלכע קענען ניט גענוג די ענגלישע שפראך.

דאס איז דער בעסטער סיטיזען ביכעל אויף דער אידישער גאס. דער פרייז פון ביכעל איז 15 סענט. די וואס ווילען עס האבען צוגעשיקט ביי מייל זאלען צושיקען פאר 17 סענט סטעמפס אויף דעם פאלגענדען אדרעס:

NATURALIZATION AID LEAGUE, 175 East Broadway, New York, N. Y.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. V. No. 37. — New York, Friday, September 14, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y. under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן

צושריפטען.

לאקאל 1 אינפארמירט דאס זיי האבען גוטגעהייסען דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד פון אויגוסט דעם 24טען מיט דער אויסנאמע פון די פאלגענדע פונקטען:

1. דער צושריפט וועלכען די „אינטערנישאנאל" האט געשיקט צו דעם דזשאינט באארד אין באצוג צו די פארשיידענע „ליגס" איז אפגעליינט געווארען צו דעם נעקסטען מיטינג פון דעם עקזעקוטיוו באארד.

2. דער באשלוס פון דעם דזשאינט באארד צו ארגאניזירען אן ארגאניזיישאן קאמיטע איז איבערגעגעבען געווארען צו זייער סאב־קאמיטע.

לאקאל 3 אינפארמירט דאס זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דער באארד און דירעקטארס פון אויגוסט דעם 2טען און פון דעם דזשאינט באארד פון אויגוסט דעם 24טען.

לאקאל 10 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון די באארד און דירעקטארס פון אויגוסט דעם 8טען, 15טען און 22טען, און די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון אויגוסט דעם 17טען און 24טען.

לאקאל 10 אינפארמירט, דאס די ברידער לואיס פארער, לואיס פענקין, הערי זאסלאווסקי, הענרי ראבינס און טשאס. שטיין, וועלען פארטרעטען זייער לאקאל ביים דזשאינט באארד.

אזוי ווי ברודער טשאס. שטיין איז ניט אנוועזענד צום מיטינג, ווערט ער ניט אינסטאלירט. אלע איבעריגע דעלעגאטען ווערען צוגעלאזען.

לאקאל 89 אינפארמירט, דאס זיי האבען גוטגעהייסען די פראטאקאלען פון דעם דזשאינט באארד פון אויגוסט דעם 24טען און פון דער באארד און דירעקטארס פון אויגוסט דעם 22טען.

לאקאל 23 איז נעגען די רעקאמענדאציע, אז ברודער בראדפילד זאל אוועקגענומען ווערען אלס מענעדזשער פון דעם הארלעמער אפיס, און אן אנדערער זאל געשיקט ווערען אויף זיין פלאץ. דער לאקאל גלויבט, אז ברודער בראדפילד האט שוין נעדינט דעם דזש. באארד אויף פארשיידענע געביטען און האט זיך אימערצו ארויסגעצייגט פעהיג אין זיין ארבייט.

די „יונייטעד העטערס און נארט אמעריקא" אפעלירט צו די קלאוקמאכער, אז אזוי ווי עס פאנגט זיך אן דער ווינטער סיזאן און יעדער ארבייטער טוט אן א נייעם העט, דארום פארלאנגען זיי, אז די קלאוקמאכער זאלען בלויז פאטראניזירען די פירמעס, וועלכע פארקויפען העטס מיט דעם יוניאן לייבעל.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען.

די „וויעמענס טרייד יוניאן ליג" פארלאנגט פון דעם דזשאינט באארד צו שיקען א פרויען דעלעגאט צו א קאנפערענץ וואס וועט פארקומען שבת און זונטאג, דעם 28טען און 29טען סעפטעמבער. אויף דער קאנפערענץ וועט באשפראכען ווערען די פראגע וועגען א מינימום וויידזש פאר פרויען ארבייטער; קינדער ארבייט; בילדונג פאר די פרויען ארבייטער; און אויך וועגען א שטענדיגען פרידען צווישען פעלקער.

דער צושריפט ווערט גוטגעהייסען און די שוועסטער מארגארעט די מאניא וועט פארטרעטען דעם דזשאינט באארד ביי דער קאנפערענץ.

ספעשעל קאמיטע באריכט:

די קאמיטע, וועלכע איז באשטימט געווארען אויסצוהערען די קלאגע וואס איז אריינגעבראכט געווארען פון ברודער שוואנער נעגען שוועסטער וואלקאוויץ, באריכטעט אז די קלאגע איז אויסגעהערט געווארען, און עס איז פאראן א מאיאריטעט און א מינאריטעט באריכט.

דער באריכט פון דער מאיאריטעט:

„נעמענדיג אין אמבאטראכט דאס דאוו וואלקאוויץ, א מיטגליד פון אונזער דזשאינט באארד צוזאמען מיט א ליג אדער מיט אנדערע מיטגלידער, האבען גערופען א מיטינג דאנערשטאג, דעם 23טען אויגוסט אין ניו סטאר קאסינא, וואו זיי האבען פארהאנדעלט די פאלגענדע פראגען —

1. ווער איז שולדיג אין דעם כאאס וואס הערשט אין די נאדעל טריידס?

2. פארוואס זיינען טויזענטער יוניאן לייט ארבייטסלאז בעת ארבייט ווערט געמאכט אין אלערליי סקעבשעפער?

3. פארוואס זיינען צעהנדליגע־טויזענטער ארבייטער פון די טריידס ניט ארגאניזירט?

4. פארוואס קעמפען ניט די ביוראקראטישע יוניאן פיהרער צוזאמען מיט די מיטגלידער געגען די שונאים פון די ארבייטער?

5. פארוואס ווערען די אקטיווע גרופען פון דער „רענק און פייל" פארפאלגט פון דער געלער ביוראקראטישער מאשין?

6. וואס דארף טאן די „רענק און פייל" כדי צו באשיצען די גאנצקייט און צו האלטען ריין דעם קאמף גייסט פון די יוניאנס?

נעמענדיג אין אמבאטראכט, דאס דאוו וואלקאוויץ האט צוגעגעבען דאס די פראגען וועלכע זיינען פארהאנדעלט געווארען פון די מיטינגען וואלטען געקענט פארהאנדעלט ווערען אויף אונזערע מיטינגען, און

נעמענדיג אין אמבאטראכט דעם באשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד בנוגע די „ליגס",

רעקאמענדירען מיר דאס שוועסטער וואלקאוויץ זאל אויסגעשלאסען ווערען פון דעם דזשאינט באארד".

ברודער דוד מאראזאף, פון לאקאל 2, וועלכער איז אין דער מינאריטעט, ברייננט אריין דעם פאלגענדען באריכט:

„איך בין ניט געווען ביים מיטינג דאנערשטאג, דעם 30טען אויגוסט, וואו די אנגעקלאגטע שוועסטער וואלקאוויץ איז פון דער קאמיטע, פון וועלכע איך בין אויך א מעמבער אויסגעהערט געווארען, ווייל איך האב קיין בריף וועגען דיזען מיטינג ניט ערהאלטען. און קומענדיג דיזען דאנערשטאג, דעם 6טען סעפטעמבער, דורך א רעדזשיסטרירטען בריף, פינקטליך אין צייט, האב איך זיך געמוזט באקענען מיט אלע פאקטען דורך א שריפטליכען באריכט און אן איינשטימיגען באשלוס, וועלכער איז אנגענומען געווארען ביים פריערדיגען מיטינג, די שוועסטער וואלקאוויץ אויסצושליסען פון דעם דזשאינט באארד.

„איך מוז דעריבער זיין איינפארשטאנען, בגויז מיט זיך אליין און בין געגען דעם באשלוס פון דער גאנצער קאמיטע. די אורזאכען וויל איך, אויב מעגליך, פארברענגען מינדליך, ווייל וואס פאר א שלעכטער רעדנער איך בין, בין איך אבער א באריכט־צוזאמענשטעלער נאך אן ערגערער".

ברודער מאראזאף אפעלירט צום דזשאינט באארד, מען זאל איצט שוועסטער וואלקאוויץ נים אויסשליסען, נאר מען זאל דאס אפלייגען אויף א פאר וואכען שפעטער, ערקלערענדיג דערביי, אז איצט איז ניט די צייט אויסצושליסען דעלעגאטען פון דעם דזשאינט באארד. ער ערקלערט אויך, אז ער שטימט אויך ניט איין מיט די האנדלונג פון די „ליגס", אבער ער שטימט אויך ניט איין מיט דער האנדלונג פון דער קאמיטע אויסצושליסען שוועסטער וואלקאוויץ. נעמענדיג אין אמבאטראכט די איצטיגע לאגע אין טרייד, שלאגט ער פאר, אז די גאנצע פראגע זאל אפגעליינט ווערען אויף א מעהר גינסטיגערע צייט.

שוועסטער וואלקאוויץ, אין איהר פארטיידיגונג, ערקלערט, אז מעמבערס פון א יוניאן האבען א רעכט צו פראפאגאנדירען זייערע אידעען. זי ערקלערט אויך, אז די „עדיוקיישאנאל ליג" איז ניט קיין ארגאניזאציע, וועלכע רופט סטרייקס, אדער פארהאנדעלט מיט מאנופעקטשורערס. זי דענקט, אז מעמבערס האבען א רעכט דארטען צו באלאנגען. די „עדיוקיישאנאל ליג" איז בלויז אן ארגאניזאציע וואו ארבייטער פון די פארשיידענע טריידס קומען זיך צוזאמען און מען דיסקוטירט פארשיידענע פראגען.

דער באריכט פון דער מאיאריטעט ווערט גוטגעהייסען מיט א מאיאריטעט פון 44 שטימען געגען 11. דער סעקרעטער ווערט אינסטרואירט צו לאזען וויסען לאקאל 22 אריינצושיקען אן אנדער דעלעגאט צו דעם דזשאינט באארד אויף דעם פלאץ פון שוועסטער וואלקאוויץ.

ברודער מאריס זיגמאן, פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאנאל" גיט אן איבערבליק וועגען דעם באשלוס פון דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד און אויך וועגען דער גאנצער לאגע. ער ערקלערט, אז די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד איז די קערפערשאפט אין וועמען מען האט איינפארטרויט די גאנצע ארגאניזאציע, און זי האט דאס רעכט איינצופאסען אויף דעם וואוילזיין פון די מעמבערס. ער ערקלערט, אז ווען ער איז געווארען דער פרעזידענט פון דער „אינטערנעשאנאל" האט ער אויף דער ספעציעל קאנווענשאן ערקלערט, אז איהם אלס פרעזידענט קימערט ניט קיין „רעכטע" אדער „לינקע" אין דער ארגאניזאציע, אבער וואס איהם קימערט איז, אז די יוניאן זאל זיין גאנץ און מעמבערס זאלען ארבייטען אונטער בעסערע באדינגונגען.

די „עדיוקיישאנאל ליג" מיט איהר פאליסי איז א שעדליכע ארגאניזאציע. ברודער זיגמאן באהויפטעט, אז מעמבערס האבען א רעכט צו קריטיקירען אפיסערס, האבען א רעכט צו קריטיקירען פאליסים, אבער זייער קריטיק מוז זיין אין די ראמען פון דער ארגאניזאציע און ניט אין אויטסייד קלייזלאך אונטער דער פיהרערשאפט פון מענשען וועלכע האבען ניט געבויט די ארגאניזאציע.

(שלוס נעקסטע וואך.)

HELMAR

קויפט מיט שכל

געוויינליכע סיגארעטען קאסטען נאטירליך ביליגער ווייל זיי ענטהאלטען געוויינליכע טאבאק און ווערען געפאקט אין באנדעלס.

העלמאר סיגארעטען ענטהאלטען 100% אמת'ע טערקישע טאבאק און זיינען געפאקט אין קארדאן באקסעס, וועלכע פערהיטען זיי פון צוברעכען און צודריקט ווערען.

אויב איהר ווילט קריגען דעם פולען ווערטה פון אייער געלד, זאלט איהר קויפען קוואליטי, ניט צאהל.

20 העלמארס קאסטען עטוואס מעהר ווי 20 געוויינליכע סיגארעטען, אבער מיט יעדען העלמאר קריגט איהר פיעל מעהר מאל אזוי פיעל פערגעניגען.

געדענקט דעם באקס און דעם נאמען

באקסעס פון 10 אדער 20

S. Anargyros

מאנופעקטשורערס פון די העכסטע גראדען טערקישע און עגיפטישע סיגארעטען אין דער וועלט.

אַ קורס אין עקאנאמיע אין דער אַרבייטער באַוועגונג

פון סילוויא קאפאלד.

געהאלטען אין די יוניטי סענטערס פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן. — סיזאן 1922-1923.

פערטער לעסאן.

פארשווענדונגען אין דער אינדוסטריע

1. ווי אזוי עס ארבייט דער עקאנאמישער סיסטעם פון דער איצטיגער געזעלשאפט קען באטראכט ווערען פון נאך א שטאנדפונקט, — פון א סאציאלען, פון א מענשליכען. מיר האבען געזעהן, דאס די גרויסע אומגלייכהייט אין דער פארטיילונג פון רייכטום האט די ווירקונג, דאס א גרויסע מאיאריטעט פון פאלק באקומט ניט א גענוגענדען טייל פון די פראדוקטען צו באפרידיגען די באדערפענישען פון לעבען. מיר קאנען איצטער פרעגען ווי אזוי די איצטיגע געזעלשאפט ווערט פארוואלטעט, אום צו באפרידיגען די מענשליכע פארלאנגען, אויף וויפיל עס איז נור מעגליך דאס צו טאן.

2. אין אלגעמיין ווערט שוין היינט פארשטאנען, פון עקאנאמיסטען, ווי פון אנדערע וויסענשאפטס-לייט, דאס די היינטיגע אינדוסטריע גיט זיך דאס רוב ניט אפ צו פראדוצירען אום צופרידענצושטעלען די מענשליכע באדערפענישען, זאנדערען צו מאכען פראפיטען. די אינדוסטרי ווערט קאנטראלירט פון סוחרים פאר פריוואטע צוועקען; די באפרידיגונג פון די מענשליכע באדערפענישען איז דאס רוב א ביי-זאך. עס איז דא א גרויסער אונטערשייד צווישען ביזנעס אונטערנעהמונגען און מאשין-פראדוקציאן. איינס פארנעמט זיך הויפטזאכליך מיט פראפיט; דאס צווייטע מיט'ן געברויך; איינס אינטערעסירט זיך בלויז מיט'ן צושטאנד פון „מארקעט", דאס צווייטע מיט דער פראדוקטיוויטעט.

3. דערפאר וואס די איצטיגע אינדוסטרי איז ארגאניזירט, און ווערט הויפטזאכליך פארוואלטעט, ניט אזוי צו באפרידיגען די מענשליכע באדערפענישען, ווי פאר פריוואט-פראפיטען, קומען פאר א סך פארדארבונגען. — דער רעזולטאט איז דאס דריי מאל אזוי פיל מענשליכע אנשטריינגונג געהט פארלארען, ווי עס ווערט פארברויכט.

4. עס איז אויסגערעכענט געווארען, דאס אזוי ווי די אינדוסטרי ווערט איצטער באטריבען פון די „ביזנעסלייט", קאן איהר ווירקזאמקייט גערעכענט ווערען בלויז אויף 15 פראצענט.

5. אין דער מענעדזשמענט פון דער אינדוסטרי אין דער היינטיגער געזעלשאפט זיינען דא א סך לעכער, דורך וועלכע עס רינט ארויס איהר ווירקזאמקייט, און עס פיהרט צו א סך פארדארבונגען.

6. ערשטענס, געהט ווירקליך אן א מין „סאבאטאזש" אין דער פראדוקציע וואס ווערט אנגעפירט לשם די „צושטאנדען פון מארקעט". דאס שליסט שוין אויך איין, וואס אין די „שלעכטע צייטען" ווערען פארמאכט די פאבריקען, אדער מען ארבייט דארט בלויז א טייל פון דער ארבייטס-צייט; ווען די מארקעטס זיינען איבערפילט, ווערען פראדוקטען ווירקליך פארניכטעט; דאס וואס אין די פאבריקען באנוצט מען זיך מיט שלעכטער מאשינערי, אין דער צייט וואס די טעכנישע וויסענשאפט האט שוין לאנג אויסגעפונען בעסערע מאשינערי, צוליב דעם וואס איינשטעלען די נייע מאשינערי דארף קאסטען געלט.

7. עס קומען אויך פאר פארדארבונגען און פארשווענדונגען אין דער אינדוסטרי צוליב די פאראלטערטע סיסטעמען אין דער פראדוקציע; ווי שלעכטע פארוואלטונג פון די געשעפטען, אלטע מעטאדען, א שלעכטע אויסנוצונג פון דער קראפט, — מענשליכע און מאשין-קראפט און אזוי ווייטער.

8. דאן קומט, וואס עס ווערען פראדוצירט אומנוצליכע, און זאגאר שעדליכע ארטיקלען. דאס שליסט שוין אויך איין אומנויטיגע לוקסוס-ארטיקלען, אין ווערט פון פינף ביליאן דאלאר א יאהר. די קאנקורענץ אדווערטייזמענטס באטרעפען נאך א פיר ביליאן דאלאר א יאהר. דאן קומט די פראדוצירונג פון וואפען, די פארשווענדונג פון די שנעל-אומביימענדע „סטיילס" אין קליידער, געפעלשטע שפייזען, פארשיידענע געמבלערייען, ספעקולאציעס, „סטאק עקססטשיינדזשעס" און אזוי ווייטער.

9. דאן קומט דער פארלוסט וואס קומט דורך ארבייטסלאזיגקייט, די סטרייקס און לאקאוטס, דורכ'ן „סאבאטאזש" וואס קומט ארויס צוליב די אינדוסטריעלע מלחמות. עס איז אויך דא פארלוסט דורכ'ן פוסט און פאסעווען פון די רייכע. דאס אליין צוזאמען שאפט א פארלוסט פון 10 פראצענט דורכ'ן יאהר אין דער ארבייטס-קראפט.

10. פאר א פארלוסט ווערט אויך גערעכענט די „ארבייט" פון די פארשיידענע סיילסלייט, די גרויסע צאל מענשען וואס ווערען באשעפטיגט איינצורעדען די מענשען צו קויפען זאכען וואס זיי דארפען גאר נים. היינט די אומארדנונג אין דער פראדוקציע. פאר דער מלחמה, למשל, זיינען געמאכט געווארען זעכציג פארשיידענע סארטען אייזערנע בעטען און יעדער פאבריקאנט האט געהאלטען מענשען איינצושמועסען דעם עולם, אז זיינע בעטען זיינען די בעסטע. דער „סיילס-דעפארטמענט" איז בכלל דער וויכטיגסטער פאקטאר אין די מערסטע פון אונזערע אינדוסטריען, דער „אקאונטינג דעפארטמענט" קומט דער צווייטער, און דאס סאמע פראדוצירען פון די ארטיקלען פארנעמט קוים דאס דריטע פלאץ.

11. א טעכנישע אונטערזוכונג אין זעקס אמעריקאנער אנגעזעהענע אינדוסטריען, אין דעם יאהר 1921, האט געוויזען דעם פאלגענדען פארלוסט, אדער פארדארבונג אין דער פראדוקציע:

1. אין מעטאל טריידס, 29 פראצענט פארדארבונג.
2. אין די בוט און שוה מאנופעקטשורינג 41 פראצענט פארדארבונג.
4. אין דער בילדינג אינדוסטרי, 53 פראצענט פארדארבונג.
5. אין פרינטינג טרייד, 58 פראצענט פארדארבונג.
6. ביי מענער-קליידער מאנופעקטשורינג, 64 פראצענט פארדארבונג.

12. די קוילען אינדוסטריע אין די פאראייניגטע שטאטען, פון וועלכער עס איז דאך אפהענגיג אונזער גאנצע אינדוסטריעלע געביידע, פונקציאנירט, לויט די מיינונג פון הערבערט הואווער א סך ערגער פון די אנדערע אינדוסטריען. זי האט שלעכטע מעטאדען אין דער ארבייט, איז שלעכט ארגאניזירט, האט נים קיין גוטע פארבינדונגען מיט אנדערע אינדוסטריען, און איז אויסברייננעריש אין ארבייטס-קראפט.

13. עס איז אויסגערעכענט געווארען פון עקאנאמיסטען, דאס ווען עס וואלט אפגעשאפט געווארען אט די אלע פארלוסטען אין דער פראדוקציע, וואלטען אלע נויטיגע ארטיקלען וואס די וועלט באדארף האבען געקאנט פראדוצירט ווערען אין פיר, און אפשר גאר אין צוויי שטונדען ארבייט א טאג.

עדיוקיישאנאל נאטיצען

די יוניטי סענטערס עפענען זיך מאנטאג, דעם 17טען סעפטעמבער

די ערעפנונג פון אונזערע יוניטי סענטערס, וואס האט געדארפט פאסירען מאנטאג, דעם 10טען סעפטעמבער, איז אפגעלעגט געווארען אויף מאנטאג, דעם 17טען סעפטעמבער.

א געוויסע צאהל פון אונזערע מיטגלידער האבען באקומען נאטיסעס וועגען דעם און אויך רעדזשיסטריישאן-קארדס, אויף וועלכע זייערע נעמען און אדרעסען זיינען אנגעשריבען געווארען. ווען זיי וועלען ברענגען דיזע קארדס אין א יוניטי סענטער אין דער געגענד וואו זיי וואוינען, וועט מען זיי באשטימען א פלאץ אין די אינטערנעשאנאל-קלאסען. זאגאר די, וועלכע האבען אין זינען איינצונעהמען קורסען אין די יוניטי סענטערס שפעטער אין סיזאן, זאלען זיך רעדזשיסטרירען איצט. דאס וועט אונז געבען א מעגליכקייט אויסצולעגען די קלאסען ווי עס דארף צו זיין.

ווי עס איז שוין באקאנט געמאכט געווארען, וועלען אין יעדען יוניטי סענטער ארגאניזירט ווערען קלאסען אין ענגליש — העכערע, מיטעלע און פאר אנפאנגער. אחוץ דעם וועלען געגעבען ווערען קורסען פון זעקס לעקציעס יעדער איבער פראגען פון ארבייטער-באוועגונג, פאליטישע עקאנאמיע און אינדוסטריע. איין מאל א וואך וועלען געמאכט ווערען גימנאסטישע איבונגען, אונטער דער אויפזיכט פון קאמפעטענטע אינסטרוקטארס.

אן ערמוטיגענד ווארט פון דזש. פ. ווארבאסס, פרעזידענט פון קאאפערייטיוו ליג.

אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט ערהאלטען א בריף פון דעם פרעזידענט פון דער קאאפערייטיוו ליג, מר. דזש. פ. ווארבאסס, פון וועלכען מיר נעהמען ארויס פאלגענדעס:

„אייער ארגאניזאציאן טוט וואס וויכטיגער אלץ בעסערע ארבייט. דער פראספעקט פון אייער בילדונגס-ארבייט, וואס ליגט איצט פאר מיר, איז איינער פון די בעסטע סמנים אויף דעם פארטשריט פון דער ארבייטער-באוועגונג דא אין לאנד.

„אייער העפט איז גוט צוזאמענגעשטעלט, און גיט א קלארען באגריף וועגען אייערע פלענער און מעטאדען פאר ארבייטער-בילדונג. וואס פאר א וואונדערבאר גוטע זאך עס וואלט געווען פאר דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג, ווען מיר וואלטען געהאט נאך מעהרערע יוניאנס, וואס זאלען זיך אפגעבען מיט ארבייטער-בילדונג, אזוי ווי איהר.

„עס קומט מיר אפט אויס צו רעדען מיט מיין פריינד, לואיס לעווין, וועגען דער ארבייט וואס ער טוט. אייער יוניאן מעג דינען אלס מוסטער פאר אלע אנדערע טרייד יוניאנס פון די פאראייניגטע שטאטען. איך פרעג זיך, צו באגרייפט איהר אליין די וויכטיגקייט פון אייער ארבייט און די מעגליכקייטען וואס די ארבייט גיט אויף צוהויבען די ארבייטער-מאסען קולטורעל. די קינדער פון דעם איצטיגען דור וועלען מישענדיג די בלעטער פון דער געשיכטע אייך דאנקבאר זיין פאר אייער ארבייט".

אלעקסאנדער פיטשענדלער, אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, צוריק פון יוראפ.

מר. אלעקסאנדער פיטשהענדלער, אונזער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, און מרס. פיטשהענדלער זיינען מיט א פאר טעג צוריק צוריקגעקומען פון אייראפא.

זיי האבען באזוכט פראנקרייך, שווייצאריע, איטאליען, דייטשלאנד און עסטרייך. זיי האבען געהאט א געלעגענהייט צו באאבאכטען די לעבענסבאדינגונגען פון די ארבייטער אין די דאזיגע לענדער. מר. פיטשהענדלער'ס ערפאהרונגען און פארבינדונג מיט זיין רייזע אין אייראפא וועט געוויס זיין פון גרויסען ווערט פאר אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט.

מיר באגריסען מר. און מרס. פיטשהענדלער צו זייער צוריקקומען און זאגען זיי א הערצליכען „ווילקאמען".

וועכענטליכער קאלענדאר פון די יוניטי צענטערס.

די פאלגענדע יוניטי סענטערס וועלען זיך עפענען מאנטאג, סעפט. 17:
די קלאסען פאנגען זיך אן אום 7:30

איסט סייד יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 63 — פערטע סטריט, נעבען ערשטער עוועניו, מאנהעטען.

ווייסטמייקער'ס יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 40 — 320 איסט 20טע סטריט, מאנהעטען.

בראנקס יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 61 — קראטאנא פארק איסט און שארלאט סטריט, בראנקס

צווייטער בראנקס יוניטי צענטער.
פאבליק סקוהל 42 — וואשינגטאן עוועניו און קלערמאנט פארקוועי, בראנקס.

לאוער בראנקס יוניטי צענטער.
פאבליק סקול 43 — בראון פלייס און 135טע סטריט, בראנקס.

בראנזוויל יוניטי צענטער.
פאבליק סקיל 150 — קריסטאפאר און סאטער עוועניוס, ברוקלין.

וויליאמסבורג יוניטי צענטער.
פאבליק סקוהל 147, בושוויק עוועניו און מעקקיבען סטרים, ברוקלין.

מאנטאג, דינסטאג און מיטוואך אווענדס, וועט אין די אלע יוניטי צענטערס געלערענט ווערען ענגליש, א חוץ די אנדערע סאבדזשעקטס וואס דארט וועט געלערענט ווערען.

וויליאם דזשיי נארד צוריק פון איטאליען.

וויליאם דזש. נארד, איינער פון די דירעקטארען פון דער מעטראפאליטאן אפערא הויז, איז די וואך צוריקגעקומען פון איטאליען, צוזאמען מיט זיין פרוי, פון זיין באזוך אין זיין געבורטסלאנד.

ביי זיין אנקומען האט ער געזאגט, דאס גאטא קאסאזא, דער מענעדזשער פון מעטראפאליטאן אפערא הויז, האט אין אייראפא אנגאזשירט באדייטענדע נייע קרעפטען פאר דער אפערא, און דאס דער קומענדער אפערא סיזאן וועט זיין א ברילליאנטער. מר. נארד האט אויך געזאגט, דאס אין וועניס האט גאטא קאסאזא זיך געטראפען מיט אטא ה. קאהן, איינער פון די דירעקטארען פון דער מעטראפאליטאן אפערא קאמפאניע און זיי האבען דארט געהאט א בעראטונג וועגען דעם קומענדען אפערא סיזאן.

ווייסט איהר, אז

דער אפיציעלער באריכט פון דעם אונגארישען צענזוס פון 1920, ציינט, אז דארט געפינען זיך 473.310 אידען. די גאנצע באפעלקערונג איז איבער 7 מיליאן. די אידישע באפעלקערונג האט אין די לעצטע 10 יאהר אינגאנצען צוגעקראגען ניט מעהר ווי 1,606 מיטגלידער, לויט די אנגעגעבענע ציפערען. ארום 10,000 האבען זיך אין די 10 יאהר געשמד'ט. די אפיציעלע ערקלערונג איז, אז צוליב דעם איז די אידישע באפעלקערונג אזוי ווייניג געוואקסען. ווייסט איהר, אז דער טעם פון 100 פראצענט ריינעם טערקישען טאבאק אין העלמארס וועט אייך שנעל געבען א באגריף פון דעם אונטערשייד צווישען א סיגארעט וואס באפרידיגט און בלאס א סיגארעט?

צוויי תקיעות

(ערצעהלונג)

פון אברהם רייזען

אז די סאָלדאַטען פון דער זעכצעהנ־טער ראָטע פלעגען זומער־צייט אין לאַ־גער מאַכען אַמאָל אַ שמועס וועגען די קומענדיגע שווערע מאַנעווערס, פלעגט שוב, אַ קליין נידעריג סאָלדאַטעל, מיט אַ בלייך פּנים, זיך דערשרעקען, פּאַנאַנ־דערפרעגען אַקוראַט ביי די עלטערע סאָלדאַטען, וועמען לאָזט מען איבער אויף קאַראַאול, און באַקומענדיג אַן ענטפער, אַז אויף קאַראַאול בלייבען די קראַנקע און שוואַכע, פלעגט שוב'ן אַ ביסעל לייכטער ווערען אויפ'ן האַרצען און ער פלעגט זאָגען:

— ניטשעוואָ, מיך וועט מען לאָ־זען!

— אוודאי, — פלעגען די גוי'אישע סאָלדאַטען לאַכען, — אויף וואָסערע צרות וועט מען שלעפּען אַזאַ שלאַק ווי דו, אַ „ראַבין“?

„ראַבין“ האָט מען שוב'ן גערופען דערפאַר ווייל ער האָט פון „קעסעל“ ניט געוואָלט בשום אופן עסען און פלעגט אַמאָל אריינכאַפּען אין דער פריה „אַ ראַווען טאָן“.

ערב מאַנעווערס, אַז דער דאָקטאָר האָט געמאַכט אַ „סמאָטר“ וועמען צו לאָזען, האָט שוב נושא חן געווען ביים דאָקטאָר. ער האָט איהם אַ קלאַפּ גע־טאָן איבער'ן פּלייצע און געשמייכעלט:

— מאָלאַדיעץ! פּאַידיאָש!

שוב, וועלכער האָט זעלטען געהערט, זייט ער דינט, מען זאָל אויף איהם זאָ־גען „מאָלאַדיעץ“, האָט דעם קאָמפּלי־מענט אָנגענומען מיט שמחה. און אַז ער איז אַרויס צוריק פון „אַקאַלאַראָק“ און די סאָלדאַטען האָבען איהם גע־פרעגט:

— נו, שוב?

האָט ער פרעהליך געענטפערט:

— איך געה! דער דאָקטאָר האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער'ן פּלייצע און געזאָגט: „מאָלאַדיעץ“!...

אַרויס אויף די מאַנעווערס איז מען אין דער פריה, אַכט אַזייגער. עס איז געווען אַ כמאַרנער אלול־טאָג; דער וואַלד, וואו דער לאַגער האָט זיך גע־פונען, איז געשטאַנען טרויעריג און האָט שטיל געראַוישט, חי ער וואָלט באַדויערן, וואָס זיינע סאָלדאַטען, צו וועלכע ער האָט זיך פאַר אַזאַ זומער צוגעוואוינט, געהען אַוועק, זיין נע ונד עטלעכע וואָ־כען, שלאָפען אויף דער ערד אונטער'ן רעגען...

די מוזיקאַנטען האָבען אָנגעהויבען שפּילען אַ מאַרש און מינאָר, דער באַריטאָן, וועלכער האָט אין מאַרש גע־האַט אַ סאָלאָ, האָט זעהר טרויעריג גע־ברומט, און שוב האָט זיך דערמאָנט אַן אלול, אַן די קומענדיגע „ימים נוראים“; זיך דערמאָנט אַן זיין שטעדטעל, וואו אידען שטעהען איצט אין די בתי־מדרשים און דאַווענען, און אַ שווערע בענקשאַפט, אַ גוואַלדיגע ציהעניש ער־געץ האָט דורכגענומען זיין נשמה.

— וואָס ביזט דו אומעטיג, שוב? — האָט איהם אַ שטופּ געטאָן איוואַנאָוו, אַ גוי'אישער סאָלדאַט פון זיין „צייל“, מיט וועלכען ער פלעגט שלאָפען אויף איין נאַרע און האָט מיט איהם בשלום געלעבט.

— אזוי! — האָט שוב טרויעריג געענטפערט.

— שווער? — האָט איוואַנאָוו ווייטער געפרעגט.

— נישט קשה!

— באַלד וועט מען מסתמא אָפּ־רוהען. אַז מען געהט אויף מאַנעווערס, רוהט מען אָפּ אַלע צוויי שעה. אויף מאַנעווערס היט מען דעם סאָלדאַט, — האָט איוואַנאָוו, ווי געוואָלט באַרוהיגען שוב'ן, וועלכען ער האָט געהאַלטען פאַר אַ „נאָוואָבראַניעץ“ וואָס שרעקט זיך.

— פאַר אַ יאָהרען איז געווען, צו אַלדע שוואַרץ־יאָהר, שווערע „מאַנעוור־רעס“, — האָט איוואַנאָוו ווייטער גע־רעדט, ווי ער וואָלט וועלען צושטרייען שוב'ס טרויעריגע געדאַנקען — פאַר אַ יאָהרען האָבען מיר, צום שוואַרץ יאָהר, געדאַרפט געהן אַלץ אויף בערג! אָבער אונזער פּאָלק האָט ניט „פּאַרגאַדיעט“, מיר האָבען באַקומען אַ „ספּאַסיבאַ“ פון קאָמאַנדיווישטשי וואָיסקאַמי אַליין און צו גלעזלאַך בראָנפען.

שוב'ן האָט דער ראַניעץ, אין וועל־כען עס איז געלעגען אַ משא, ניט נאָך זיין געוואוינהייט נאָך, אָנגעהויבען צו שטעכען אין רוקען, ער האָט איהם גע־וואָלט אַ רוק טאָן נידעריגער, נאָר אי־וואַנאָוו האָט איהם איבערגעשלאָגען:

— וואַרט, באַלד וועלען מיר קומען אויף „פּריוואַל“, וועסט דו אַרויב־טען, אין „סטראָי“ טאָר מען נים. „סטראָי סוויאַטאַיע מיעסטאַ“ — קענסט דאָך גום „סלאָוועסנאָסט“!

דאָס הייסט „סוויאַטאַיע מיעסטאַ“,

האָט שוב'ן ווייטער דערמאָנט אין אלול, אין קומענדיגען ראש־השנה, אין שופר און ער האָט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל. די וואָלקענס אין פאַרשיי־דענע געשטאַלטען זיינען ווי צוזודערט געשוואומען און שוב'ן האָט זיך פאַרגע־שטעלט דער גרויסער ידיד יעצט אין הימעל.

— וואָס קלעהרט מען דאָרטען וועגען איהם? — איז איהם איינגעפאַ־לען. — צי ווייסט מען, וואו ער גע־פינט זיך היינט? וועט מען דאָס געה־מען אין זינען? וועלען די מלאכים איהם דערקענען אין זיינע סאָלדאַטסקע קליידער?...

און שוב האָט באַשלאָסען, אַז ווי שווער איהם זאָל ניט אָנקומען, מוז ער געבען צו וויסען, וואו ער געפינט זיך. ער מוז אויסבעטען אַ גוט יאָהר! אויפ'ן פעלד וועט ער כאָטש דאַווענען, כאָטש אָהן אַ טלית, נאָר מען זאָל איהם דאָר־טען דערקענען, מען זאָל וויסען, אַז ער איז דער זעלבער איד, ווי מיט אַ יאָהר צוריק אין דער היים!

ערב ראש השנה פאַרנאַכט איז דער פּאָלק אָנגעקומען אויף אַ פּעלד. פון ווייטען האָבען זיך געזעהן קליינע היי־זערנע דעכער, ווי צוזאַמענגעגאָסען אין איינעם, און שוב האָט זיך דערמאָנט, אַז ווען ער פלעגט אַמאָל אַוועקגעהן אויף אַ וויאָרסט פון דעם שטעדטעל, וואו ער האָט געוואוינט, און קוקען פון דאָרט צום שטעדטעל צו, פלעגען דאָרט אויך פונקט אזוי די דעכער צוזאַמענ־געגאָסען אויסזעהן. און שוב'ן האָט דאָס האַרץ געצויגען אַהין צו דעם שטעדטעל.

— אידען! — האָט שוב, נאָכ'דעם ווי דער פּאָלק האָט די פּאַלאַטקעס צו־נויפגעשטעלט אויף איבערנעכטיגען ביז מאָרגען פריה, זיך געווענדעט צו די עטליכע סאָלדאַטען פון זיין ראָ־טע, — מאָרגען איז ראש־השנה...

— מיר ווייסען! — האָבען די אי־דען ווי פאַרדריסליך געענטפערט.

— ווילסט אפשר אַ ראש השנה'די־גען קוילעטש? — האָט איין סאָלדאַט זיך געוויצעלט. — נעהם אַרויס פון ראַ־ניעץ, דאָרטען ליגען אַ סך סוכאַרעס...

— ביזט אַ גוי, — האָט שוב זיך געזידעלט. — לאָמיר בעסער זעהן צו געהן דאַווענען. — דאָ איז ניט ווייט אַ שטעדטעל.

— דאַווענען, ווי דאַווענען! — האָט דער סאָלדאַט זיך ווייטער געוויצעלט. — עסען וועטשערע צו אַ אידען האָט מען געדאַרפט טאַקע געהן, אַ וועטשערע וואָלט איצט געווים ניט געשאַדט...

— עס איז ווייט! — האָט איינער געזאָגט. — מען קען זיך מיאוס „אָנ־רייסען“...

שוב האָט זיך פאַרטראַכט. אין קאָפּ האָט ביי איהם געאַרבייט איין געדאַנק: ער וועט בעטען איוואַנאָוו'ען אויסריי־ניגען זיין ביקס און ער וועט געהן דאַוו־נען אין שטעדטעל אַריין.

— זאַ כליעבאָם! — האָט ער דער־הערט הינטען אַ געשריי פון זיין וואַך־מען אונטער־אָפיציר.

און פון זיין דאַווענען געהן איז נאָר נישט געוואָרען... נאָך ברויט האָט מען געדאַרפט געהן אין צווייטען פּאָלק, דאָס אָפּוועגען, דאָס אַרויסגעבען דאָס ברויט געדויערט לאַנג, און שוב איז מיט די עטליכע אידלאַך אַוועק מיט אַראָפּגע־לאָזענע קעפּ נאָך ברויט.

— אָט האָסטו דיר ראָאש השנה, — האָט איינער געהענדיג געזאָגט.

— סלוזשבע! — האָט אַ צווייטער געטרייסט.

— מאָרגען אפילו קיין שופר ניט הערען! — האָט שוב, ווי פאַר זיך גע־רעדט.

— וואָס איז? יעמעליאַנאָוו, אונזער סיגנאַליסט, בלאָזט שלעכט שופר? — האָט דער סאָלדאַט זיך ווייטער געוויצעלט.

שוב האָט אָבער ניט געהערט, האָט ניט געוואוסט, וואו ער איז אין דער וועלט. ער געהט עפּעס נאָך ברויט, וואָס דאַרף ער דאָס ברויט?... היינט איז דאָך ראש השנה...

— ווען וועט מען מאָרגען אַרויס־געהן? — האָט ער געפרעגט ביים „עלטסטען“, וואָס האָט געפיהרט די קאָמאַנדע נאָך ברויט.

— האַלב צעהן, שטעהט אין פּריי־קאַז...

— האַלב צעהן! — האָט שוב אויסגעשריען מיט שמחה.

און ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאַ־מאָלס בלאָזט מען שופר... „שופר“! „שופר“! האָט איהם גערוישט אין קאָפּ. ער מוז הערען מאָרגען שופר... ער וואָלט לויפען אין שטעדטעל אַריין, נישקשה, ער וועט „פּאָר סיד“ ניט אויסקנעהן...

— מאָרגען געה איך אין דער פריה אין שטעדטעל, — האָט ער זיך געווענ־דעט צו די פּאָר אידען, — ניט אַנ־דערש...

שוב איז אויפגעשטאַנען אין דער פריה. נאָך איידער מען האָט געוועקט אויף פריהשטיק, האָט ער אויפגעוועקט זיין שכן איוואַנאָוו'ן, איהם געבעטען מיט טרעהרען אין די אויגען, ער זאָל היטען זיין ראַניעץ מיט דער ביקס.

— אין דו וואוהין געהסט דו? — האָט איוואַנאָוו פאַרשלאָפען געפרעגט...

— איך... איך... — האָט שוב גע־ענטפערט מיט האַלבע ווערטער — איך געה אין שטעדטעל, איך וועל דיר ברענ־גען חלה...

— נו, געה, איך וועל היטען, — האָט איוואַנאָוו געענטפערט.

שוב איז אַרויס פון פּאַלאַטקע און האָט זיך געלאָזען געהן.

— אַ, גוט, ברודער, וואָס איך זעה דיך! — האָט ער דערהערט אַ קול.

ער האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהן דעם דעזשורנע, אַן אונטער־אָפיציר.

— איים שופר! — האָט איהם אַ קלאַפּ געטאָן אין קאָפּ.

— געה, ברודער! — האָט דער דעזשורנער זיך געווענדעט צו איהם מיט אַ ווייכען טאָן, וועלכער האָט שוב'ן גע־שניטען איבער'ן האַרץ ווי אַ שאַרפער מעסער, — געה, ברודער, אויפ'ן קיך; עס פעהלט דאָרט גראָד אַ „מענש“.

— גאָספּאָדין דעזשורנע! — האָט שוב אָנגעהויבען בעטען מיט טרעהרען אין די אויגען.

— נאַרעלע, איך האָב ניט וועמען צו שיקען. עס איז ריין אַטישערער. עס וועט ניט געדויערען.

— פּאַרפּאַלען, פּאַרפּאַלען! — האָט שוב געהענדיג אין קיך געקרעכצט.

אַז שוב האָט געענדיגט די אַרבייט אויפ'ן קיך איז געווען האַלב ניין. עס איז נאָך געווען פאַר פריהשטיק און ער האָט אויסגערעכענט, אַז ער וועט נאָך קענען געהן הערען שופר.

ער האָט זיך געלאָזען לויפען מיט אימפּעט אין שטעדטעל. דאָס האַרץ האָט איהם געקלאַפּט, אין קאָפּ האָט גע־רוישט, און יעדער קלאַנג אויפ'ן וועג האָט זיך איהם אויסגעוויזען ווי אַ תקיעה.

און אָט זעהט ער שוין אין גאַנצען דאָס שטעדטעל. די קליינע אידישע געסלאַך זיינען שטיל, ווי אויסגעשטאָר־בען, נאָר עפּעס פון אַ הויז הערען זיך קולות, באַקאַנטע קולות... ער לאָזט זיך לויפען געשווינדער צו די קולות, וועלכע דערמאָנען איהם דעם ניגון פון למנצח... באַלד... באַלד...

און אָט דערהערט זיך אַ תקיעה... ער לאָזט זיך לויפען געשווינדער... ער וועט שופר הערען!

און פּלוצים דערהערט ער קלאַפּען פון פּויקען, אַ בלאָזען פון סיגנאַלען פון דער ווייט...

דער פּאָלק געהט אַוועק.

און שוב ווערט צוטומעלט... נעבען איהם הערט ער די תקיעות און דאָרט ווייט, אַ האַלב וויאָרסט פון איהם — סיגנאַלען און פּויקען...

און שוב וואַרפט זיך אַהער און אַהין.

— גוואַלד, וואוהין לויפט מען? — רייסט זיך ביי איהם אַרויס אַ געשריי.

און די סיגנאַלען און די פּויקען רעש'ן מיט כעס, און ציהען איהם, און ריפען איהם: ניכער, ניכער צו אונז, צו אונז א טרעוואָגע!

און די תקיעות פון דער אידישער שוהל בלאָזען אזוי שוואַך, אזוי טרויע־ריג... עס צופּט איהם די נשמה — עס ציהט איהם אַהין, צו די שוואַכע אידישע תקיעות...

— גוואַלד, וואוהין לויפט מען? — ווערט ער צוטומעלט און בלייבט שטעהן.

און אָט ווערען די סיגנאַלען שטאַר־קער, די פּויקען דונערען און רופען מיט קראַפט: אהעררר אהעררר ניי־כעררר!

און שוב'ן טראָגט עס אַהין וואו עס הערט זיך שטאַרקער די תקיעה... עס טראָגט איהם ווי אַ שטורם־ווינד און ער לאָזט זיך לויפען, צוריק, צוריק, צום פּאָלק...

א נאָדעל טרייד אליענס געגרינדעט.

(שלוס פון זייט 1.)

זען. ביים שלוס פון דעם קאָנפערענץ האָט דער פּרעזידענט פון יעדער נאָדעל־טרייד אינטערנעשאָנאַל געהאַלטען אַ רע־דע זיך פאַרפליכטענדיג צו האַלטען דעם פאַרבאַנד לעבעדיג; צו טאָן אַלץ וואָס וועט נאָר זיין מעגליך דער פאַרבאַנד זאָל זיין טעטיג אויפ'ן געביט פון טרייד יוניאָניזם.

אין פאַרלויף פון דער קאָנפערענץ, גלייך נאָכדעם ווי דער „נאָדעל טרייד אליענס“ האָט זיך אָרגאַניזירט, זיינען אָנגענומען געוואָרען איינינע וויכטיגע באַ־שלוסען, און עס איז אויך אָנגעצייכענט געוואָרען דער וועג, אויף וועלכען דער ניי־געגרינדעטער פאַרבאַנד זאָל געהן; אין וואָס עס זאָל באַשטעהן זיין טעטיגקייט. איינער פון די פּונקטע איז, דאָס וואָס עס וועט געפונען ווערען פאַר פּראַקטיש, זאָל אָרגאַניזירט ווערען געמיינשאַפטליכע אָר־גאַניזאַציאָנס־דעפּאַרטמענטס, כדי צו קענען אָנפיהרען געמיינשאַפטליכע אָרגאַ־ניזאַציאָנס קאַמפּיינס אין פאַרשיידענע שטעדט פון לאַנד, און אויך צו געבען איינע די אַנדערע מאָראַלע און פינאַנ־ציעלע הילפע, סיי אין אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט, סיי אין סטרייקס און לאָקאַוטס און סיי אין אַנדערע גרויסע טרייד פּאָסי־רונגען. אין דעם אויסגעאַרבייטען פּראָג־ראַם ווערט אָנגעוויזען, אַז דער פאַרבאַנד זאָל מיט זיך פאַרשטעלען דעם אָרגאַניזיר־טען כח פון סאָלידאַריטעט פון די אַלע נאָדעל טרייד יוניאָנס.

עס איז באַשלאָסען געוואָרען, אַז דער פאַרבאַנד זאָל האָבען יעהרליכע צוזאַמענ־קונפטען און אַז דער עקזעקוטיוו קאָונסיל זאָל האָבען אָפטע מיטינגען, אַם ווייניג־סטענס איינמאָל אין דריי מאָנאַטען.

אַ באַשלוס איז אויך אָנגענומען גע־וואָרען צו שאַפען אַ פאָנד פאַר'ן פאַרבאַנד כדי ער זאָל קענען האָבען אַ בודזשעט אָנצוגעהן מיט דער אַרבייט. די געלט זאָל קומען פון דעם, וואָס יעדע אָנגעשלאָ־סענע אינטערנעשאָנאַל יוניאָן זאָל צאָה־לען אַ סענט אַ מאָנאַט פאַר יעדען מעמ־בער. דער פאַרבאַנד וועט אויך זיין באַ־רעכטיגט צו האָבען פּראַטווינאַל דעלע־גאַטען ביי די קאָנווענשאָנס פון יעדער אָנגעשלאָסענער אינטערנעשאָנאַל.

מיר ווינשען גליק דעם נייעם נאָדעל־טרייד אליענס! מיר ווינשען איהם לאַנגע יאָהרען פון לעבען און טעטיגקייט, אין די אינטערעסען פון די מיטגלידער פון די יוניאָנס וואָס דער פאַרבאַנד שטעלט מיט זיך פאָר.

ווייסט איהר, אז

די אידען פון פּאַלעסטינא האַלטען נאָך אַלץ אין איין פאַרלאָזען פּאַלעסטינא און לויפען נאָך אַמע־ריקא און אַז דער אָפיס פון אַמעריקאַנער קאָנסול דאָרט איז אימער נעקראָוורעט מיט אידען וואָס קומען נעהמען וויזעס ווען מען זאָל זיי ערלויבען צו פאָהרען קיין אַמעריקא? ווייסט איהר, אַז טער־קישער טאַבאַק איז דער בעסטער און דער טייערס־טער טאַבאַק פאַר סיגאַרעטס און אַז העלמאַר ענט־האַלט 100 פּראָצענט ריינעם טערקישען טאַבאַק, און אַז ווערען געפּאַקט אין האַרדבאָרד באָקסעס און נים אין באַנדעלעס?

קלוגע ווירטהינס

האַלטען אימער אין הויז אַ באָקס

עקס־לאַקס!

דאָס רעגולירט די מאַגענס פון דער גאַנצער פאַמיליע

און פאַרשפּאַרט זיי דאָקטאָר ביללס.

10, 25 און 50 סענט אַ באָקס, אין אַלע דראָג סטאָרס.

א מיטינג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן לאקאל 22 איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אוונט, דעם 21טען אויגוסט, אין 16 וועסט 21טע סטריט, אונטער דעם פארזיץ פון שוועסטער וואלקאוויץ.

עס איז באקומען געווארען א רוף פאר א קאנווענשאן צו ארגאניזירען די פעדעראטיווע פארמער-לייבאר פארטיי פון ניו יארק. דער רוף איז ארויסגעשיקט געווארען פון א פראוויזארישער קאמיטע און איז אונטערגעשריבען געווארען פון פארשטעהער פון פארשיידענע פאך-יוניאנס און פאליטישע גרופפען. דעם 16טען סעפטעמבער וועט אין לייבאר-טעמפעל, אין 84טע סטריט, אפגעהאלטען ווערען א קאנפערענץ וועגען דעם.

אויף דער איינלאדונג, אז מיר זאלען זיך באטייליגען אין דעם דאזיגען קאנפערענץ און שיקען צוויי דעלעגאטען, האט דער עקזעקוטיוו באארד באשלאסען אנצונעהמען די איינלאדונג און די שוועסטער דארנער און קליין זיינען ערוועהלט געווארען אונז דארט צו פארטרעטען.

מיר האבען געקראגען אן איינלאדונג פונ'ם גענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, מעלדענדיג אז דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד האט ביי זיין לעצטער זיצונג באשלאסען צו עהרען דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער אמעריקען פעדערעישאן אוו לייבאר, וועלכער וועט האבען זיין פערטעל-יעהרליכען מיטינג אין ניו יארק.

צו דער געלעגענהייט וועט א דינער געגעבען ווערען דעם 29טען אויגוסט אין מאנהעטען לייסעאום.

דער עקזעקוטיוו באארד האט די איינלאדונג אנגענומען און שוועסטער האטספארד צוזאמען מיט ברודער שעהנהאלץ זיינען אויסגעקליבען געווארען צו זיין ביים באנקעט.

דער „יוניאן העלטה סענטער" האט אין א צושריפט מיטגעטיילט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז אין איינקלאנג מיט'ן באשלוס פון דעם באארד אוו דירעקטארס פון דעם באטרעפענדען סענטער אונטערצושטיצען דר. אנטאנאווסקי'ס פלאן אויפצופאסען אויף אונזערע קראנקע מיטגלידער אין זיין סאניטאריום פארלאנגט דער העלטה סענטער דעריבער מיר זאלען שיקען א פארשטעהער, א מעמבער פון אונזער לאקאל, צו א מיטינג, פרייטאג, דעם 24טען אויגוסט, אין לייקסייד אין, פערענדייל, סאליווען קאונטי, נ. י. נאכדעם ווי ברודער שעהנהאלץ האט אויספיהרליכער ערקלעהרט און געגעבען מעהר אינפארמאציע וועגען דעם פלאן, איז שוועסטער מאלי פרידמאן ערוועהלט געווארען צו זיין ביים מיטינג.

מיר האבען באקומען אן ערקלעהרונג פון גענעראל אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, וואס באציהט זיך אויף דעם באשלוס פונ'ם גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועגען מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע זיינען גלייכצייטיג אויך מעמבערס פון דער שאפ דעלעגאטען ליג און טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג.

דער צושריפט האט ארויסגערופען א דיסקוסיע. איינינע מיטגלידער האבען אנגעוויזען, אז הגם די מאיאריטעט פון דעם איצטיגען עקזעקוטיוו באארד זיינען מיטגלידער פון דער שאפ דעלעגאטען-ליג זיינען זיי אבער אויך מיטגלידער פון דער יוניאן.

דער עקזעקוטיוו באארד האט ערוועהלט א קאמיטע פון די שוועסטער דארנער, קאצעווסקי און וואלקאוויץ אויסצוגעפינען מעהר איינצעלהייטען אין שייכות מיט'ן צושריפט. די קאמיטע זאל אויך באטראכטען וואס פאר א שטעלונג צו נעהמען וועגען דעם דאזיגען צושריפט און אריינברענגען איהר באריכט צום נעקסטען עקזעקוטיוו באארד מיטינג.

עס איז ערשינען א קאמיטע פון דער „קראפאטקין ליטעראטור געזעלשאפט" און באקענט דעם עקזעקוטיוו באארד מיט די צילען און אויפגאבען פון דער דאזיגער ארגאניזאציע. אזוי ווי זי האלט אין ארויסגעבען די לעצטע ווערק קראפאטקין'ס אין צוויי בענדער און נויטיגט זיך אין געלד, פארלאנגט זי דעריבער, אז אונזער עקזעקוטיוו באארד זאל זיך אנשליסען אן דער באטרעפענדער ארגאניזאציע און אויך ביישטייערן א ליבעראלע סומע געלד.

דער קאמיטע'ס פארלאנג איז איבערגעוויזען געווארען צו דער פינאנץ קאמיטע.

דער באריכט פון דזשאינט באארד פון דער דרעס- און וועיסט-מאכער יוניאן פון זיין לעצטען מיטינג, וואס איז אפגעהאלטען געווארען דעם 16טען אויגוסט, איז אויפגענומען געווארען.

אין דעם דאזיגען באריכט געהט אויך אריין דער לעצטער רעפארט פון ברודער האכמאן, מענעדזשער פון דעם דזשאינט באארד. ברודער האכמאן, זייענדיג אנוועזענד ביים מיטינג, האט אריין געלייענט דעם באריכט אזוי ווי ער האט איהם אריינגעבראכט צום לעצטען מיטינג פונ'ם דזשאינט באארד.

דער באריכט איז גוטגעהייסען געווארען און עס איז ערוועהלט געווארען א קאמיטע פון די ברודער ברוסטיין, שעהנהאלץ און די שוועסטער ראטספארד, פרידמאן און קארעווסקי צו באטראכטען א פלאן ווי אזוי אויסצודריקען אין נאמען פון דעם עקזעקוטיוו באארד אנערקענונג צו ברודער האכמאן פאר זיין ווערטפולער ארבייט, וואס ער האט אלס באאמטער פון דעם דזשאינט באארד געטאן פאר די מעמבערס פון אונזער יוניאן.

די קאמיטע וועט אויך נעהמען אין באטראכט די ראטזאמקייט אפצודרוקען ברודער האכמאן'ס רעפארט אין א בוקלעט כדי צו געבען די אקטיווע מיטגלידער פון אונזער יוניאן א מעגליכקייט זיך צו באקענען מיט דעם אינהאלטסרייכען מאטעריאל, וואס דער באריכט ענטהאלט.

די פינאנץ קאמיטע האט אריינגעבראכט באריכטען פון צוויי מיטינגען, וואס זי האט געהאט דעם 14טען און 15טען אויגוסט.

דער עקזעקוטיוו באארד האט די באריכטען פארהאנדעלט און גוטגעהייסען.

דער דזשאינט באארד באריכט פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון דעם 17טען אויגוסט איז אויפגענומען און פארהאנדעלט געווארען.

נאכדעם זיינען אויפגענומען געווארען די באריכטען פון דעם באארד אוו דירעקטארס פון דעם 8טען און 15טען אויגוסט און דער עקזעקוטיוו באארד האט איבער זיי געהאנדעלט ווי פאלגט:

אין באצוג צום ערשטען באריכט פון דעם 8טען אויגוסט, וועלכער גיט זיך טיילווייז אפ מיט די ארענזשמענטס, וואס ברודער פיינבערג האט געמאכט פאר דער דרעס אינדוסטריע, האט דער עקזעקוטיוו באארד אפיציעל ניט געקענט האנדלען, ווייל ער האט א שייכות מיט פראגען, איבער וועלכע באשלוסען זיינען געמאכט געווארען נאך איידער אונזער לאקאל איז אפיציעל אריין אין דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד. פונדעסטוועגען האט דער עקזעקוטיוו באארד אויסגעזעצט געגען די דאזיגע ארענזשמענטס. עס איז באוויזליך, אז דער באארד אוו דירעקטארס, גוטהייסענדיג די ארענזשמענטס, האט אינגאנצען איגנארירט די גערעכטע פאדערונגען און רעקאמענדאציעס פון אונזער עקזעקוטיוו באארד פון אונזער לאקאל פארצולעגען איהרע פלענער וועגען עטאבלירען א ספעציעלען דרעס-דעפארטמענט, וואס איז דורכאויס וויכטיג צו האבען, כדי אויפצופאסען אויף דער דרעס-אינדוסטריע און אפהיטען די אינטערעסען פון די ארבייטער אין טרייד.

דער עקזעקוטיוו באארד האט דעריבער אינסטרואירט די דעלעגאטען אויפצונעהמען די פראגע מיט דעם דזשאינט באארד און פארלעגען פאר איהם אונזערע גערעכטע טענות.

וואס אנבאלאנגט דעם באריכט פון 15טען אויגוסט, וועלכער ענטהאלט די רעקאמענדאציעס פון דער ספעציעלער קאמיטע פון דעם באארד אוו דירעקטארס און דעם באשלוס פונ'ם דזשאינט באארד וועגען דעם מיליאן דאלאר פאנד האט איהם דער עקזעקוטיוו באארד נאך א געהעריגער באטראכטונג גוטגעהייסען.

שוועסטער ראטספארד, וועלכע איז מיט א צייט צוריק אויסגעקליבען געווארען צו זיין ביי א שאפ-מיטינג פון ד. ר. איי. און טי. דרעס קא. האט באריכטעט, אז זי איז געווען ביים מיטינג. נאכדעם ווי זי האט איבערגעגעבען וואס זי האט דארט אויסגעפונען, איז באשלאסען געווארען צוצוזעצען צו איהר נאך צוויי עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער און אלע דריי זאלען האבען נאך א מיטינג מיט די ארבייטער פון דעם באטרעפענדען שאפ און ווייטער אנגעהן מיט די אונטערזוכונגען. די פאלגענדע זיינען אויסגעקליבען געווארען: שוועסטער דארנער און פרידמאן.

י. שעהנהאלץ, סעק.

The State Bank

MAIN OFFICE

376-378 GRAND STREET, N. Y.

דער פרעזידענט, אפיסערס און דירעקטארס פון די סטייט באנק ווינשען צום נייעם יאהר תרפ"ד, 1923-1924, צו אלע זייערע דעפאזיטארס בפרט און צו אלע אידען בכלל א גליקליכעס און געזונטעס יאהר

לשנה טובה תכתבו

זישע קען מען אבער טאן, אז אזעלכעס זאל נים קענען מעהר פארקומען?

⁂

לאמיר זיין גאנץ אפנהערציג און זאגען, אז אין דעם, וואס דער מיטינג איז צושטערט געווארען, זיינען נים שול־דיג בלויז די פאר מיטינג־ברעכער. זיי האבען געמענט האבען דעם שטארקסטען ווילען צו צוברעכען דעם מיטינג, אבער, ווען די מעהרסטע פארזאמעלטע וואלטען נים געוועזען אזוי גלייכגילטיג, וואלטען געוועזען, לאמיר זאגען, נים אזוי שרעקע־דיג, וואלטען געווען גוטע יוניאן־לייט, וואס פארשטעהען, ווי א מיטינג דארף געפיהרט ווערען, און וואלטען פעסט און ענטשלאסען אונטערשטיצט זייער טשער־מאן, וועלכער איז געווען דורכאויס אין ארדנונג, וואלט דער מיטינג נים גע־קענט צושטערט ווערען. איינער אדער צוויי קענען האבען א שליטה, און קע־נען אנמאכען א טומעל און געפילדער, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אן אונ־ארגאניזירטען מאב; זיי קענען דאס אבער נים אויספיהרען אויף א מיטינג, וועלכער דארף באשטעהן פון גוט־דיס־ציפלינירטע יוניאן־לייט, וועלכע ווייסען זייערע רעכטע, וועלכע ווייסען ווי א מי־טינג דארף געפיהרט ווערען. דער פאקט אליזא, דאס דער מיטינג איז צושטערט געווארען פון די עטליכע הפקר־יונגען, איז א זעהר נים קיין גוטע רעקאמענ־דאציע פאר די פארזאמעלטע גופא. זיי זיינען דאך, אין דער גרויסער מאיא־ריטעט, געווען געגען אזא בויאנסקער האנדלונג. טו ווארום האבען זיי זיך געלאזט פארטומלען פון די עטליכע בו־יאנעס? ווארום האבען זיי דערלאזט די דאזיגע שאנדע פאר זייער יוניאן און זייער פיהרערשאפט? ווארום האבען זיי נים ארויסגעוויזען דעם נויטיגען ווידער־שטאנד געגען אזא אפנעם פארזוך צו צוברעכען דעם מיטינג, צו וועלכען זיי זיינען געקומען, אום צו הערען א בא־ריכט פון זייערע פיהרער וועגען דעם, וואס איז געטאן געווארען פאר די פאר־בעסערונג פון זייער לאגע? ווארום הא־בען זיי נים געהאט דעם נויטיגען מוט צו ערקלעהרען די דאזיגע בלינדע ווערק־צייג, אז זיי האבען נים געטראפען דעם ריכטיגען פלאץ, און אז דער מיטינג פון לאקאל 1 מוז אפגעהאלטען ווערען, לויט דער באשטימטער טאגעס־ארדנונג, און, אויב עס איז נויטיג, קען א צווייטער מיטינג איינבארופען ווערען, אום צו דיסקוטירען דעם באשלוס פון דעם ג. ע. ב. בנוגע צו די אגענטען פון דער ט. י. ע. ל., וועלכע איז אן אויסגעשפראכענער שונא צו דער אינטערנעשאנאל און אלע איהרע פעסט־באשטימטע פרינציפען און פאליסים?

⁂

אט דאס באטראכטען מיר פאר די מעהר ערנסטע זייט פון דער גאנצער סקאנדאליעזער פאסירונג. עס מוז איינ־מאל פאר אלע מאל פארשטאנען ווע־רען, אז אן ארבייטער־יוניאן, אין וועל־כער די גרויסע מאסע איז גלייכגילטיג, קען אפילו אין די רוהיגסטע צייטען נים האבען קיין האפט. אבער, ווען אין קאמף געגען דער יוניאן האט זיך אויפגעהויבען א באנד־ע סולקעסעס, און וועלכע זיינען דאס געפעהרליכער, ווייל זיי פוצען זיך אויס אין די פעדערען פון אידעאליסטען, פון רעוואלוציאנערען, פון ראדיקאלען, און די גרויסע מאיא־ריטעט מיטגלידער בלייבט אויך דאן גלייכגילטיג, דאן, מעגען זיי עס וויסען, שטעלען זיי די עקזיסטענץ פון זייער יוניאן אין דער גרעסטער געפאהר.

⁂

און מיר זאגען דארום צו דער גרוי־סער מעמבערשיפ: איצט, ווען עס האנ־דעלט זיך אום די עקזיסטענץ פון אייער יוניאן, אייער איינציגען שוץ געגען אלע אייערע שונאים, טארט איהר נים בליי־בען גלייכגילטיג. איהר מוזט זעהן, אז די עטליכע מחבלים, וועלכע זיינען אויס־געוואקסען פון אייערע רייהען, זאלען געצוימט ווערען. איהר מוזט קומען צו די מיטינגען, און געבען אייער פולסטע אונטערשטיצונג צו די, וועמען איהר האט ערוועהלט, צו די וועמען איהר האט פארטרויט די פיהרערשאפט פון אייער יוניאן פאר אזוי לאנג, ווי זיי זיינען אייערע פיהרער. איהר טארט נים דער־לאזען א סקאנדאליסט אדער צוויי צו פארגוואלדיגען אייערע מיטינגען דורך טומעל און געפילדער. איהר מוזט אלע, ווי איין מענש, שטעהן מיט דעם טשער־מאן פון מיטינג און העלפען איהם אין דער אויפהאלטונג פון ארדנונג. וועלכע מיינונגען איהר זאלט נים האבען איבער פארשיידענע פראגען, אבער אלס יוניאן־לייט מוזט איהר פארשטעהן, אז מעהר פון אלץ מוז הערשען ארדנונג אויף יע־דען מיטינג. נאר אזוי קענט איהר קו־מען צו א באשטימטער פארשטענדיגונג; נאר אזוי קענט איהר ערווארטען אן ער־פאלג אין אלץ, וואס אייער יוניאן וועט אונטערנעהמען.

פאסטער דער ליגנער.

פון די בלומרשט'דיגע ענטפערס, וואס פאסטער זאל האבען נעגעבען אויף אונזערע פראגען אויף זיין פארזאמלונג אין ראטגערס סקווער, איז פאר אונז קלאר געווארען, אז פאסטער איז צו אלע זיינע מעלות נאך דערצו א ליגנער און א פייגלינג. מיר האבען איהם נים גע־שטעלט די פראגען אויף א נקודים וברודים'דיגע פארזאמלונג, די מעהרסטע פון וועלכע ווייסען גארניט וועגען וואס עס האנדעלט זיך. מיר האבען איהם געשטעלט אונזערע פראגען דורך אונזער צייטונג, שווארץ אויף ווייס. ער האט, אליזא, באדארפט ענטפערען אויף זיי פונקט פאר פונקט דורך אירגענד וועל־כער פון זיינע צייטונגען. מיר וואלטען דאן געקענט וויסען, וואס און ווי ער האט געענטפערט. דאס האט ער אבער נים געטאן. נאר אויף א פארזאמלונג פון צוזאמענגעלאפענע מענשען האט ער געמאכט א פארזוך צו ענטפערען אויף אונזערע פראגען. דאס איז פייג, דאס איז געמיין.

⁂

אליזא, מיר זיינען מיט איהם פאר־טיג. אבער לאמיר אויפמערקזאם מא־כען אויף נאך עטוואס: לויט דעם בא־ריכט אין דער „קאל" פון דער פארזאמ־לונג אויף ראטגערס סקווער, זאל פאס־טער האבען געזאגט, אז „ער איז פאר־טיג צו געבען דעם נאמען פון דעם מאן, וועלכער האט אויף איהם דריי מאל גע־שאסען". הייסט עס, אז ער קען דעם שיסער, טו ווארום קומט ער טאקע נים ארויס מיט דעם נאמען? ווער שטערט איהם אין דעם? דאן, לויט דער „קאל", האט פאסטער ערקלעהרט, אז „די אינ־טערנעשאנאל לידיס גארמענט וואיר־קערס יוניאן אין שיקאגא" באנוצט זיך מיט ביקס־מענשען, אום אויסצופיהרען איהרע צוועקען". נידערטרעכטיגער, גע־מיינער ליגנער! און אזוי לאנג בלייבט פאסטער געבראנדמארקט, אלס פ א ס ט ע ר ד ע ר ל י ג נ ע ר, ביז ער וועט עס נים באווייזען.

דעבס האט גארניט צו טאן מיט די יוניאן ברעכער פון דער „עדיוקיישאנאל ליג"

פון אברהם טובים.

זונטאג, דעם 2טען סעפטעמבער, איז אין שיקאגא פארגעקומען א קאנ־פערענץ, אויף וועלכען עס איז אנוועז־זענד געווען יודזשין וו. דעבס, נאציא־נאלער טשערמאן פון דער סאציאליס־טישער פארטיי; סעמועל קרעמער, פון „פארווערטס"; אטא בראנסטעטער און בערטהא האל וואייט, פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי, און מאיר פערל־שטיין און דער שרייבער פון די שורות, אלס די פארטרעטער פון די אינטער־נעשאנאל לידיס גארמענט וואירקערס יוניאן. דער קאנפערענץ איז איינגע־רופען געווארען פון די אינטערנעשא־נאל לידיס גארמענט וואירקערס יו־ניאן, פעסטצושטעלען געוויסע סטייט־מענטס, וואס זיינען לעצטענס געמאכט געווארען פון די פיהרער פון דער זא־גענאנטער „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג".

באזונדערס האט זיך געהאנדעלט וועגען א סטייטמענט וואס איז לעצ־טענס געמאכט געווארען פון די מאכער פון די עדיוקיישאנאל ליג, דאס אויף א קאנפערענץ, וואס איז נים לאנג צוריק פארגעקומען צווישען פאסטער און דעבס, זאל דעבס האבען געזאגט, אז ער וועט ארבייטען צוזאמען מיט פאס־טער און זיינע חברים אין זייער „עדיו־קיישאנאל ליג" טעטיגקייטען פאר א „פאראייניגטען פראנט". דעבס האט ערקלערט, דאס ער האט נאך קיינמאל נים פארפעלט צו שיינקען אויפמערק־זאמקייט צו אלע ריכטונגען אין דער ארבייטער באוועגונג, און דאס ער האט אלעמאל געהאלפען די וואס זיינען פאר־פאלגט געווארען צוליב זייער טעטיקייט אין דער ארבייטער באוועגונג. ער האט דערביי געזאגט:

„אפילו אין אזעלכע פאלען, ווען איך בין איינגאנצען נים איינפארשטאנען איבער פראגען פון טאקטיק און פא־ליסיס, האב איך אפגעלייגט אן א זייט די פאליטישע און עקאנאמישע אונטער־שיידען; איך האב זיך איינגאנצען גע־האלטען ביים כלל, דאס יענע מענשען האבען געארבייט פאר דער ארבייטער־זאך".

דעבס האט אבער ערקלערט, דאס ער האט נים געגעבען קיינע פארזיכע־רונגען צו פאסטער, אין באצוג די טע־טיגקייטען פון דער „טרייד יוניאן עדיו־קיישאנאל ליג". ער האט געזאגט, דאס דער צוועק פון זיין לעצטען טרעפען זיך מיט פאסטער'ן איז געווען צו דיס־קוטירען וועגען די קאנווענשאן פון די „פעדערייטעד פארמער לייבאר פארטי", וואס איז נים לאנג צוריק אפגעהאלטען געווארען אין שיקאגא, און דאס האט ער געטאן אויף דעם פארלאנג פון פאס־טער. פאסטער, זאגט ער, האט פאר־לאנגט זיך צו טרעפען מיט איהם, זיך דורכצורייידען וועגען געוויסע מיספאר־שטענדניסען, וואס איז ארויסגעקומען פון יענער קאנווענשאן. וועגען פרא־גען פון א „פאראייניגטען פראנט" אין דער „עדיוקיישאנאל ליג" האט מען זאגט ער — בלויז גערעדט פארביי־געהענדיג. מען איז אבער נים געקומען צו קיינע באשלוסען, און עס זיינען נים אויסגעלייגט געווארען קיינע פלענער. דעבס האט דערביי צוריקגעשטויסען דעם קלאנג, דאס ער סימפאטיזירט מיט דער ארבייט פון דער „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג", אדער די „וואר־קערס פארטי", אין די נאדעל ארבייטער יוניאנס, און באזונדערס וואס אמבא־לאנגט די אינטערנעשאנאל לידיס גאר־מענט וואירקערס יוניאן און די אמאלגא־מייטעד קלאדינג ווארקערס יוניאן.

מען האט דעבס'ן איבערגעגעבען וועגען די באהויפטונגען, וועלכע די טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג מאכט אז ער איז גרייט צו העלפען די ליגע אין איהר ארבייט. מען האט איהם אנ־געוויזען אויף דער טעטיגקייט פון דער ליג אין די ראדיקאלע צווייגען פון דער ארבייטער באוועגונג. עס איז איהם אנגעוויזען געווארען, אז אין קיינע פון די אזוי גערופענע „קאנסערוואטיווע" גרופען פון דער ארבייטער באוועגונג זיינען נים געמאכט געווארען קיינע פארזוכען צו ארגאניזירען אפטיילונגען פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג און אז די ליג האט איינגאנצען קיין ברעקעל שייכות נים מיט די גרונד־אינטערעסען פון די ארבייטער, אז עס האט נים די קלענסטע מעגליכקייט צו קומען אין באריהרונג מיט די ריינק און פייל פון די אמעריקאנער ארבייטער. מען האט איהם דערציילט וועגען די טע־טיקייטען פון דער ליג אין די נאדעל טרייד יוניאנס און די מעטאדען צו פארשפרייטען מחלוקות און מיסטרויען, פון צוטיילען די ארבייטער און זעצען זיי איינעם געגען צווייטען, אין א צייט ווען די גאנצע ענערגיע פון די ארביי־טער זיינען נויטיג צו באקעמפען די אפען שאפ'ערס און אינדזשאנקשאן לארדס, וואס לויערן אימער איבער די קעפ פון די ארבייטער.

ווען מען האט איהם ערקלערט, אז דער קאנפערענץ צווישען איהם און פאסטער'ן אין טערא האט, אינדיאנא, ווערט אויסגענוצט פאר נייע צוטיילונ־גען אין די נאדעל־טריידס, האט דעבס געמאכט דעם פאלגענדען סטייטמענט:

„איך בין גרייט אויסצושטרעקען מיין האנט צו העלפען יעדען מאן אדער פרוי, וואס ווערט פארפאלגט אויף איר־גענד וועלכען וועג פאר זייערע טעטיג־קייטען אין דער ארבייטער באוועגונג, און דאס־אלעס טו איך אפגעזעהן צו וואס פאר אן ארגאניזאציע זיי זאלען נים געהערען. און צוליב דעם פאקט האט עס אויסגעזעהען אין מאנכע פע־לע, אז איך האב גוטגעהייסען און אונ־טערשטיצט געוויסע ארגאניזאציאנען צו וועלכע דיזע פערזאנען געהערען, און די פאליסים אין וועלכע זיי גלויבען, וואס איז דורכאויס נים אמת.

„איך בין א סאציאליסט, און אלס וועלכער א מיטגליעד פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי און נים קיין אנדע־רע. אלס טשערמאן פון די נאציאנאלע עקזעקוטיוו קאמיטע פון דער סאציא־ליסטישער פארטיי איז מיין שטעלונג זעהר קלאר ערקלערט און אירגענד וועלכער פארזוך צו מיסרעפרעזענטירען טראגט מיט זיך זעלבסט אן אפלייקע־נונג.

„עס איז געווים פאר מיר נים נויי־טיג צו זאגען אז איך שטעה אומקאמפ־ראמיסליך פאר די איינינקייט פון די ארבייטער, און אז איך בין געגען איר־גענד וועלכען פארזוך זיי צו צוטיילען און זיי מאכען איינער געגען צווייטען פאר געגנער, אדער מאכען זיי אומ־מעכטיג: אונטער אירגענד וועלכען אויס־רייד".

אויף א צווייטען קאנפערענץ צווי־שען פארטרעטער פון דער אינטערנעי־שאנאל לידיס גארמענט ווארקערס און בערטא וואייט, עקטינג עקזעקוטיוו סעקרעטער פון די סאציאליסטישע פארטיי, איז קלאר געמאכט געווארען די שטעלונג פון דער פארטיי צו די טרייד־יוניאן פראבלעמען. מרס. וואייט האט אנגעוויזען די פארשיידענע רעזאלוציעס וועלכע די פארטיי האט אנגענומען ביי איהרע קאנווענשאנס און צו וועלכע די פארטיי האלט זיך שטרענג און צווינגט קיינמאל נים ארויף איהרע אידעען אדער איהר ווילען אויף די יוניאנס.

מרס. וואייט האט ערקלערט, אז עס איז די פליכט פון די סאציאליסטישע פארטיי, איהר פרעסע און אלע איהרע אנגעשלאסענע אינסטיטוציאנען, צו גע־בען זייער פול־הארציגע שטיצע צו די ארבייטער ארגאניזאציאנען אין אלע זייערע קעמפע פאר העכערע וויידזשעס, קורצע שטונדען און אלע זייערע פאר־זוכען צו פארגרעסערען זייער מיטגלי־דערשאפט.

„עס איז נים דאס רעכט און עס איז נים אין די אינטערעסען", האט מרס. וואייט געזאגט, „פון די סאציאליס־טען צו פראבירען צו דיקטירען די יו־ניאנס וועגען זייערע אינערליכע אנגע־לעגענהייטען, אין זייערע דזשוריסדיק־שאנאל און אנדערע סכסוכים, וועלכע, אומגליקליכערווייזע, צוטיילט די ארביי־טער באוועגונג. די איינציגע הילף, וואס די פארטיי קען אין אזעלכע פעלע גע־בען איז, פארשפרייטען אזעלכע אינ־פארמאציע אין אזא גייסט, וועלכע וועלען אויפהויבען דיזע סכסוכים אי־בער די פערזענליכע און פראקטישע קעמפע און צו העלפען סעטלען דיזע סכסוכים אויף דעם גרונד פון פרינ־ציפען.

„די סאציאליסטישע פארטיי צייגט אן דעם טעות, וואס די אומגעדולדיגע סאציאליסטען, אדער פערזאנען, וועלכע מען פאררעכענט פאר סאציאליסטען, מאכען ווען זיי טרייען פארכאפען די יוניאנס אדער ווען זיי פראבירען ארויפ־צווינגען זייערע אייגענע אידעען דורך געהיימע און ביטערע אטאקעס אויף די פיהרער. דיזע מעטאדען האבען קיינ־מאל נים געבראכט קיין גוטע רעזול־טאטען און אפט האבען זיי געטאן זעהר פיעל שאדען צו די יוניאנס און צו די סאציאליסטישע פארטיי. נאר דורך איבערציינגען די רענק ענד פייל, און נים דורך צוטיילען איהר, און נים דורך דיסקרעדיטירען די בעאמטע, ווערט פרא־גרעס געמאכט."

וואונדערליך

פון נפתלי גראס.

ווי וואונדערליך, ווי וואונדערליך דאס איז געשעהן:
איך בין געזעסען אויפ'ן גאנעק פאר'ן הויז,
געקוקט ווי קינדער דרעהען זיך ראד איין, ראד אויס,
און זינגען, זינגען, ווי קליינע קינדער זינגען בלויז,
און נישט געזעהן,
ווי ס'געהט דער טאג, דער טאנץ פאר מיינע אויגען איבער —
ווי וואונדערליך עס איז דער טאג אין נאכט אריבער.

און, ס'קאן דאך זיין, עס זאל אמאל אזוי געשעהן:
איך וועל, ווי איצטער, זיצען אויפ'ן גאנעק פאר'ן הויז,
און קוקען, ווי קינדער דרעהען זיך ראד איין, ראד אויס,
און זינגען, זינגען, ווי קליינע קינדער זינגען בלויז,
און וועל נישט זעהן,
ווי ס'געהט דער טאג, דער טאנץ פאר מיינע אויגען איבער —
ווי וואונדערליך עס געהט מיין לעבען אין אן אנדער וועלט אריבער.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly

Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.

MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.

Subscription price paid in advance: $1.00 per year.

Vol. V. No. 37. New York, Friday, September 14, 1923.

Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.

Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דער נאדעל-ארבייטער-פארבאנד אין אמעריקא.

אין אן עת צרה [illegible] איינער וועלכער יוניאן אין דעם נאדל-טרייד, איז די איינינקייט, די פארבונדענקייט צווישען אלע אונזערע יוניאנס אימער-צו דעמאנסטרירט געווארען אין דער שטארקסטער פארם: „דורך ראט און טאט. מיר געדענקען ניט א צייט, ווען אירגענד וועלכע פון אונזערע יוניאנס, וועלכע האט זיך געווענדעט אין הילף אין דער צייט פון א סטרייק, אז זי זאל עס ניט האבען געקראגען פון אלע אנדערע יוניאנס, ביז צו אזא גראד, אז עס האט אויסגעזעהן, אז אלע יוניאנס זיינען איינס. אין דעם פרט אליין האט א נאדעל-ארבייטער פארבאנד, כאטש ניט אויפ'ן פאפיר, אבער אין גייסט, מאראליש אימער עקזיסטירט. דערפאר, ווען דער פארשלאג פון א נאדעל-ארבייטער-פארבאנד איז געמאכט געווארען פון אונזער גענעראל אפיס, צום ערשטען מאל אויף דער קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל אין שיקאגא אין 1920, איז ער אויפגענומען געווארען פון דער גאנצער קאנווענשאן מיט אמת'ער באגייסטערונג. ער איז כמעט ווי נארגישט דעבאטירט געווארען. ווארים דער געדאנק און דער געפיהל הינטער דעם פארשלאג איז ניט געווען עטוואס נייעס, אונבאקאנטעס, וואס דארף ערשט ערקלעהרט ווערען. אלע האבען פארשטאנען, אז דער דאזיגער פארשלאג מיינט בלויז צו ברענגען צום אפיציעלען אויסדרוק דעם גייסט, דעם מאראלישען כח, וואס האט פון די פריהעסטע צייטען אויסגעצייכענט אונזער ארבייטער-באוועגונג, און וועלכער אליין האט איהר געקענט ברענגען צו דעם גראד פון מאכט, וועלכען זי האט דערגרייכט. עס האט דארום ניט געהערשט דער מינדסטער צוויפעל, אז פון אלע אנגענומענע רעזאלוציעס אויף יענער קאנווענשאן וועט די רעזאלוציע גלייך און אהן דער מינדעסטער שוועריגקייט דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען, אלס א פאקט. צוליב פילע אורזאכען אבער, אין וועלכע עס איז ניט נויטיג אריינצוגעהן איצט, איז די רעזאלוציע געבליבען ביז איצט, נאך א פארלויף פון באלד דריי און א האלב יאהר, ניט דורכגעפיהרט. און ערשט לעצטען פרייטאג און שבת, דעם 7טען און 8טען סעפטעמבער, 1923, איז דער נאדעל-ארבייטער-פארבאנד, אדער, ווי מען רופט עס אין ענגליש, די נידעל-טריידס וואירקערס אליינס, געווארען א ווירקליכקייט. די פינף גרויסע יוניאנס אין די נאדעל-טריידס אין אמעריקא האבען צווישען זיך געשלאסען אן אפיציעלען אפמאך, לויט וועלכען זיי וועלען זיין איצט פ א ר פ ל י כ ט ע ט צו העלפען איינע די אנדערע אין צייט פון נויט, און לויט וועלכען אלעס, וואס קען געטאן ווערען מיט מעהר נוצען, מיט גרעסערע רעזולטאטען געמיינשאפטליך, זאל ניט דארפען געטאן ווערען פון יעדער יוניאן באזונדער.

❧

דערפאר, אהן די מינדעסטע איבערטרייבונג, איז די דאזיגע פאסירונג, מעג מען זאגען, די וויכטיגסטע, וואס איז געשעהן אין דער גאנצער געשיכטע פון געגענזייטיגער הילף און קאמף געגען עקספלואטאציע פון אונזערע ארבייטער-יוניאנס אין נאדעל-טרייד. ערשט אין שפעטערע יאהרען, ווען דער אליינס וועט ארויסווייזען זיך אין זיין פולער ווירקונג, וועט קענען ריכטיג אפגעשאצט ווערען דער דאזיגער אויפטו אין זיין גאנצער גרויסער וויכטיגקייט. אבער אפילו שוין איצט קען יעדער איינער מיט עטוואס פארשטעלונגס-קראפט גאנץ לייכט זיך משער זיין, צו וואס דער דאזיגער פארבאנד מוז פיהרען.

❧

אייניג, ווי עס האבען זיך געפיהלט אלע יוניאנס אין די פארשיידענע נאדעל-טריידס, דאך אין פילע הינזיכטען זיינען זיי געבליבען גאנץ ווייטלאך און פרעמד איינע פון די אנדערע. זייער איינינקייט, זייער פריינדשאפט האט זיך נאר ארויסגעוויזען דאן, ווען עס האט געגאלטען צו באקעמפען, געבען א פעסטען ווידערשטאנד דעם געמיינשאפטליכען שונא. איז דאס אויסגעפיהרט געווארען, זיינען די יוניאנס ווידער געווארען דערווייטערט איינע פון די אנדערע. די ערפאהרונגען פון איין יוניאן זיינען געבליבען פרעמד צו אלע אנדערע. און דאס אליין האט געפיהרט צו אפטע מיספארשטענדניסע און צו קליינע רייבערייען, וועלכע, כאטש זיי זיינען ניט קיינמאל ארויסגעקומען אין דער עפענטליכקייט, זיינען אפט געווען פון א גאנץ שארפען כאראקטער, און האבען ווירקליך געשטערט צו דער אויפהאלטונג פון אמת-פריינדליכע באציהונגען. עס האט, למשל, געקענט פאסירען, אז א געוויסע יוניאן זאל פון א געוויסער זייט, צוליב די אונריינסטע מאטיווען, שענדליך, מ'אי'ס פארלוימדעט ווערען, און דאך זאל א צווייטע יוניאן ניט נאר בלייבען גלייכגילטיג צו דעם, נאר ביז א געוויסען גראד העלפען מאראליש און פינאנציעל אט די דאזיגע פארלוימדער. נויטווענדיגערווייזע האט עס געמוזט פיהרען צו א פארפרעמדונג צווישען אזעלכע צוויי יוניאנס. ווארים עס איז דאך טאקע זעהר שווער צו גלויבען אין איינעמ'ס אמת'ער פריינדשאפט, ווען דירעקט אדער אינדירעקט העלפט ער נאר די, וועלכע זוכען צו פארניכטען אייער עהרע, אייער נאמען, אייער איינפלוס — דאס טייערסטע אין דאס וויכטיגסטע פאר אן ארבייטער-ארגאניזאציע, וועמעס גרעסטער „אסעט" איז דער צוטרוי, די ליבע, וואס די מיטגלידער פיהלען צו איהר.

❧

אחוץ דעם זיינען געווען פילע אנדערע אורזאכען, וואס האבען געשטערט דער ענטוויקלונג, דער אויפבליהונג פון אמת'ער פריינדשאפט. פילעס, וואס איז געטאן געווארען פון איין יוניאן אונטער דעם דרוק פון געוויסע אומשטענדען, איז מיספארשטאנען געווארען און גאנץ שלעכט אויסגעטייטשט געווארען פון דער צווייטער יוניאן, ווייל זי איז ניט געווען באקאנט מיט די דאזיגע אומשטענדען. פילעס, וואס איז געווען נויטיג און מעגליך צו טאן פאר אלע יוניאנס צוזאמען, ווען עס וואלט מעגליך געווען א גרינדליכע פארשטענדיגונג, איז געבליבען אונגעטאן, צום שאדען פון אלע. מיט דער גרינדונג פון דעם פארבאנד ווערט באזייטיגט אלעס, וואס האט געהאלטען די יוניאנס אין די נאדעל-טריידס פרעמד איינע פון די אנדערע, און עס ווערט געשאפען דער פונדאמענט, אויף וועלכען עס קען אויפגעבויט ווערען די אינטימסטע פארשטענדניס צווישען זיי.

❧

עס איז געווים העכסט-וויכטיג אויפצובויען אן ארגאניזיישאן-דעפארטמענט אום „אויסצופיהרען געמיינשאפטליכע ארגאניזאציאנס-ארבייט אין צייטען און פלעצער, וואו די צושטענדע פארערען עס". נעהמט, צום ביישפיל, א שטעדטעל, וואוהין דער געדאנק פון טרייד-יוניאניזם איז נאך גאר ניט אריינגעדרונגען, און וואו קיינע פון אונזערע נאדעל-טריידס איז נאך ניט ארגאניזירט. אין אזא שטעדטעל, אנשטאט צו האבען אן ארגאנייזער פון יעדער יוניאן באזונדער, וואס איז פארבונדען מיט אזוי פיל הוצאות, איז געווים פיל עקאנאמישער און פון ארגאניזאציאנס - שטאנדפונקט פיל ריכטיגער, אז די ארבייט זאל געטאן ווערען פון איינעם אדער צוויי אדער מעהרערע ארגאנייזערס, לויט דער איינזיכט פון דעם ארגאניזיישאן דעפארטמענט, פאר דעם ארגאניזאציאנס-געדאנק אין אלגעמיין. און פונקט אזוי וויכטיג זיינען אויך אלע אנדערע טיילען פון דעם פראגראם פון דעם ניי-געגרינדעטען פארבאנד. אבער, לויט אונזער מיינונג, איז דאס סאמע וויכטיגסטע אין דער באשאפונג פון דעם נאדעל-טרייד וואירקערס אליינס די פאלגענדע 3 פונקטען: 1) דער נידעל טריידס וואירקערס אליינס פון אמעריקא זאל האבען א קאנפערענץ יעדען יאהר; 2) דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דעם אליינס זאל האבען ווענינסטענס יעדע 3 מאנאטען א מיטינג; 3) ביי יעדער קאנווענשאן פון די אנגעשלאסענע יוניאנס זאל דער אליינס זיין רעפרעזענטירט דורך ברידערליכע דעלעגאטען, וועלכע ווערען ערוועהלט פון דעם עקזעקוטיוו קאונסיל.

די דאזיגע דריי פונקטען זיינען פאר אונז די וויכטיגסטע, ווייל דורך זיי וועט באזייטיגט ווערען יעדע מעגליכקייט פאר מיספארשטענדניסע; ווייל דורך זיי וועלען די יוניאנס מיט אלע זייערע פארשיידענע פראבלעמען געבראכט ווערען אין די העכסט-מעגליכע נאהענטקייט, און דאס וועט און מוז פיהרען דערצו, אז דער געגרינדעטער פארבאנד וועט ניט בלייבען בלויז א שעהנער וואונש, נאר א ווירקליכער, לעבעדיגער פאקט.

❧

עס איז, לויט אונזער מיינונג, אין דעם פראגראם פון דעם פארבאנד ניטא קיין זאך, וואס זאל אין אירגענד וועלכער הינזיכט קענען שטערען זיין ווירקזאמקייט צום גוטען פון אונזער גאנצען נאדעל-טרייד. דער פארבאנד פארמינדערט ניט אויף א קוצו של יוד די פולע פרייהייט און אומאפהענגיגקייט אדער די איניציאטיוו פון אירגענד וועלכער יוניאן, וואס איז אנגעשלאסען אן איהם. דער פארבאנד איז ניט און קען קיינמאל ניט ווערען א סארט אויבער-שטאאט איבער די יוניאנס, וואס דאס וואלט זיכער געמאכט פון סאמע אנפאנג אונמעגליך פאר דעם באנד צו פונקציאנירען, ווייל ערשטענס, וואלט קיין יוניאן ניט געדולדעט אזא אונבארופענע אויטאריטעט איבער זיך; און, צווייטענס, אין אזא פארבאנד וואס וואלט געהאט אזא איבערמאכט, וואלט באלד זיך אנגעפאנגען א צאנקעריי פאר כבוד, פאר איינפלוס, ווייל, נאך אלעמען, זיינען אונזערע בעסטע יוניאן-פיהרער ניט מעהר, ווי מענשען פון פלייש און בלוט, און ליידען פון אלע חולאת'ען, צו וועלכע פלייש איז אונטערווארפען. דאס אליין וואלט שוין דעם פארבאנד פיל געשטערט אין זיין טעטיגקייט, אויב ניט אין גאנצען איהם אונמעגליך געמאכט. דער פארבאנד אבער, ווי ער איז, און וועמעס פראגראם אין זיינע הויפט-שטריכען איז אנגענומען געווארען אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, האט ניט אין זיך קיינע פון די עלעמענטען, וואס וואלטען געקענט ווערען פאר איהם לעבענס-געפעהרליך. עס זיינען דארום דא אלע אויסזיכטען, דאס ער איז געקומען צו לעבען, צו ווירקען פאר אלץ א גרעסערע און גרעסערע סאלידאריטעט צווישען אלע ארבייטער אין די נאדעל-טריידס פון אמעריקא.

❧

דערווייל האבען זיך אנגעשלאסען אן דעם פארבאנד פינף ארבייטער-ארגאניזאציעס: די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט וואירקערס יוניאן, די פאריער וואירקערס אינטערנעשאנאל, די דזשורנימען טיילארס, די אמאלגאמייטעד קלאדהינג וואירקערס און די קעפמייקערס. די דאזיגע פינף ארגאניזאציאנען נעהמען אריין דעם גרעסטען טייל פון די נאדעל-טריידס אין אמעריקא. אבער עס זיינען דא נאך אנדערע יוניאנס, וועלכע האבען מיט רעכט באדארפט געהערען צו דעם פארבאנד, למשל, די יונייטעד גארמענט וואירקערס און פיליכט נאך פילע אנדערע יוניאנס, וואס געהערען מיט רעכט צו די נאדעל-טריידס. צוליב פארשיידענע אורזאכען האבען אט די ארגאניזאציאנען זיך נאך נים אנגעשלאסען אן דעם אליינס. אבער זאל נאר דער אליינס ארויסווייזען זיין לעבענס-טעטיגקייט, און עס איז ניטא דער מינדעסטער צוויפעל, אז אויך אלע אנדערע ארבייטער-ארגאניזאציעס, וואס געהערען צו די נאדעל-טריידס, וועלען ווערען מיטגלידער פון דעם פארבאנד. און אזוי האט דער פארבאנד אלע שאנסען צו וואקסען סיי אין קוואליטעט און סיי אין קוואנטיטעט. נאר אפילו, אזוי ווי ער איז, איז ער שוין א גרויסע קראפט. די יוניאנס, וועלכע זיינען אנגעשלאסען אן איהם, האבען א מעמבערשיפ פון זיכער איבער דריי הונדערט טויזענד. מיט טיכטיגער ארגאניזאציאנס-ארבייט קען די צאהל פון דער מעמבערשיפ גאר גיך ווערען א האלבער מיליאן, און א האלבער מיליאן ציל-באוואוסטע ארגאניזירטע ארבייטער אין פינף מעכטיגע, פרייע יוניאנס איז א קראפט, א ריזיגע קראפט, וועלכע וועט זיך מאכען באלד שטארק פיהלען אין די נאדעל-טריידס פון אמעריקא. פון גאנצען הארצען גראטולירען מיר דארום אלע אונזערע פארברידערטע יוניאנס צו דעם גרויסען אויפטו זייערען פון דעם 7טען און 8טען סעפטעמבער, 1923, וועלכע, ווי מיר גלויבען, וועלען זיין די וויכטיגסטע, געדענקווירדיגסטע טעג אין דער געשיכטע פון די ארגאניזירטע נאדעל-ארבייטער פון אמעריקא.

א ווארנונג, איידער עס איז צו שפעט.

אין לעצטען נומער „גערעכטיגקייט" איז באקאנט געמאכט געווארען, אז די קלאוק-אפרייטארס יוניאן, לאקאל 1, רופט איין א מיטינג אויף דאנערשטאג אוונד, דעם 6טען סעפטעמבער, וואו עס וועלען ארומגערעדט ווערען וויכטיגע טרייד-פראגען און פראבלעמען. אוז דאס אויף פרעזידענט זיגמאן וועט באריכטען איבער אלץ, וואס איז פארהאנדעלט געווארען צווישען דער יוניאן, די מאנופעקטשורערס און די דזשאבערס, און וואס מען קען ערווארטען פון דעם פאר דער צוקונפט.

❧

דאכט זיך, א גענוג וויכטיגער מיטינג, וועלכער האט באדארפט פאראינטערעסירען אלע יוניאן-ארבייטער. ווארים וואס קען נאך זיין וויכטיגער פאר יוניאן-ארבייטער, ווי זייער ברויט- און פוטער-פראגע? צוליב וואס דען זיינען ארבייטער פאראייניגט אין א יוניאן, אויב ניט צוליב דעם? און עס זיינען געקומען צום מיטינג פילע יוניאן-מעמבערס, אום צו הערען, וואס דער פרעזידענט האט צו באריכטען; און עס איז געקומען צום מיטינג אויך פרעזידענט זיגמאן, אום צו דערצעהלען פאר די מיטגלידער פון לאקאל וועגען דעם, וואס עס איז אויפגעטאן געווארען ביז איצט, און וואס מען וועט מוזען נאך מעהר טאן, אום צו ברענגען ארדנונג אין דעם קלאוק-טרייד און אויך א מעהר געזיכערטען לעבען פאר די קלאוקמאכער. און דער טשערמאן, ברודער ליוויי, האט דעם מיטינג ערעפענט. אבער דער מיטינג, דער העכסט-וויכטיגער מיטינג, האט ניט שטאטגעפונדען, ווייל עטליכע מענשען, מיטגלידער פון דער יוניאן, האבען פון אנפאנג אן ניט דערלאזען דערצו, ארויסשטעלענדיג די פאדערונג, אז קודם כל זאל ארויסגעשטעלט ווערען אויף דער טאגעס-ארדנונג די דיסקוסיע וועגען דעם בריף פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו די לאקאלס און דזשאינט באארדס, אין וועלכען זיי ווערען אויפגעפאדערט אויסצופיהרען דעם באשלוס פון דעם ג. ע. ב. אין באצוג צו זייערע מעמבערס, וועלכע געהערען צו דער טרייד-יוניאן עדיוקיישאנאל ליג, אדער צו אירגענד אנדערע אזעלכע אנטיקענישען.

❧

נו, געווים איז די לעצטע פראגע א זעהר וויכטיגע. אין די לאקאלס, כאטש זיי מוזען אויספאלגען דעם באשלוס פון דעם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד, אויב זיי ווילען פארבלייבען לאקאלס פון דער אינטערנעשאנאל, אבער דיסקוטירען וועגען דעם מעגען זיי לכל הדעות. אבער דער דאזיגער מיטינג פון 6טען סעפטעמבער איז ניט איינבארופען געווארען פאר דעם צוועק. די פראגען פאר דעם מיטינג זיינען געווען פון דער העכסטער וויכטיגקייט פאר'ן קלאוק-טרייד בכלל און פאר לאקאל 1 בפרט. זיינען דאך די קלאוק-אפרייטארס מעהר פון אלע אנדערע ארבייטער אין קלאוק-טרייד פאראינטערעסירט אין דעם דזשאבער-פראבלעם. קיין וויכטיגערע פראגע אין דער קלאוק-אינדוסטריע איז ניטא. אין דער אמת'ען, זי איז די איינציגע וויכטיגע פראגע, ד י פ ר א ג ע. האט עס דאך דאכט זיך באדארפט פאראינטערעסירען אלעמען, וועלכע עס זאלען נים זיין זייערע מיינונגען איבער פארשיידענע פ א ל י ט י ש ע פראגען. אבער, ווי עס זעהט אויס, זיינען דא געוויסע מעמבערס אין דער יוניאן, פאר וועמען די טרייד-פראגען, די פראגען וועגען דעם, ווי צו מאכען א לעבען, זיינען פון דער קלענסטער וויכטיגקייט לגבי זייערע מיינונגען, למשל, וועגען דער אדער יענער צייטונג, וועגען דער אדער יענער באוועגונג, און זיי האבען אנגעמאכט אזא טומעל, אזא געפילדער, אז דער מיטינג, וואס לאקאל 1 האט איינבארופען, איז אפגעבראכען געווארען.

❧

דאס איז א העכסט-סקאנדאליעזע האנדלונג, וועלכע וועט געווים פון לאקאל 1 נים פארשוויגען ווערען. מען מעג ערווארטען, אז די יוניאן וועט רופען די מיטינג-שטערער צו פאראנטווארטליכקייט, און עס וועט זיי באשטראפען אזוי, אז מעהר מיטינגען זאלען זיי נים קענען צושטערען. אבער, לויט אונזער מיינונג, האנדעלט זיך דא נים בלויז וועגען די עטליכע הפקר-יונגען. זיי זיינען זיכער די אגענטען פון די פינסטערע כחות, וועלכע זוכען צו צוברעכען די יוניאן. און די פינסטערע כחות זיינען געוויסענלאז גענוג נים אפצושטעלען זיך אין זייער ארבייט פון יוניאן-ברעכעריי דורך דעם, וואס עטליכע זייערע בלינדע ווערקצייג וועלען זיין די קרבנות פון זייער נארישקייט. וואס ארט זיי פאר דעם שיקזאל פון זייערע נארען, וועמען זיי נוצען אויס פאר זייערע אינטערעסען? זיי וועלען, ליידער, געפינען אין די ארבייטער-רייהען נאך אזעלכע ווילענלאזע ווערקצייג, וועלכע זאלען טאן פאר זיי זייער שמוציגע ארבייט, און יעדער איינער קען פארשטעהן, וואס פאר א דעמאראליזירענדע ווירקונג דאס קען האבען אויף דער יוניאן און איהר טעטיגקייט. עס איז דערפאר העכסט וויכטיג צו ווארענען, אז מעהר זאל אזעלכעס נים ק ע נ ע ן פאסירען. וואס-

רע סקעב־אגענטורען, האט דער מיטינג געשטורעמט מיט אפלאדיסמענטען פון צושטימונג.

„די קלאוקמאכער יוניאן, ווי אונזער גאנצע אינטערנעשיאנאל — האט ער אויסגערופען צום שלוס פון זיין רעדע — איז איבערגעקומען אלערליי צרות און אנשיקעניש, אלע פארלוימדונגען און בלבולים, און איז געווארען אלץ שטארקער און מעכטיגער! אבער — פרעגט ער — וואו זיינען די אלע טונקעלע סוביעקטען, וואס האבען זיך אונטערגענומען די יוניאן צו באקעמפען? צו שטערען איהר אין דער ארבייט? איהר צו צוברעכען, אפען אדער פארשטעלט?! און די זעלבינע מפלה — זאגט ער — וועלען אויך האבען די „לינקע" דעמאגאגען פון דער זאגענאנטער „עדיוקיישיאנאל ליג". זיי וועלען פאלען אונטער זייער אייגענעם בארג פון ליגענס, און די נידערטרעכטיגע פארלוימדונגען און מארד־בלבולים, וואס זיי פארשפרייטען געגען אונזער יוניאן, ווי געגען אלע אנדערע יוניאנס, וועלכע ווילען ניט שטיצען זייערע דעמאגאגישע אוואנטיורעס! די אינטערנעשיאנאל וועט ניט מאכען קיין צוריק־טריט, ביז עס וועט ארונטערגעריסען ווערען די מאסקע פון די אלע דעמאגאגען און אוואנטוריסטען, וואס האבען זיך פארשטעלט אונטער דעם פאלשען נאמען פון אן „עדיוקיישיאנאל ליג".

אינטערנעשאנאל קאלענדאר

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

פינף און דרייסיג טויזענד קלאוקמאכער קומען צו א פיקניק וואס דער ניו יארקער דזשאינט באארד ארראנזשירט, דער פראפיט וועלכער באטרעפט נאהענט פון דריי טויזענד דאלער ווערט אוועקגעשיקט צו די קליוולאנדער סטרייקער.

• • •

די קלאוקמאכער פון טאראנטא גראטולירען זיך מיט דעם זיג וואס זיי האבען איבער דער פירמע „גארדאן מעקעים". דער סטרייק האט אנגעהאלטען א לאנגע צייט און די פירמע איז געווען געצוואונגען צו פארקויפען איהר פעקטארי צו אן אנדער פירמע, וועלכע האט גלייך געסעטעלט מיט דער יוניאן.

• • •

צוליב דעם סטרייק ביי דער פירמע ראזענוואסער און קא. גיט דזשאדזש גאף ארויס אן אינדזשאקשאן געגען מ. ווינטשעווסקי, וועלכער איז דער סעקרעטער פון לאקאל 25.

• • •

די דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האלט אב א פערטעל יאהרליכע זיצונג אין קליוולאנד. צווישען די פילע וויכטיגע באשליסע ווערט אויך ערוועהלט א קאמיטע מיט „פול פאוער" וועגען דעם פארלאנגטען דזשענעראל סטרייק פון די ליידיס טיילארס אין ניו יארק. א קאמיטע ווערט אויך אפאינטעט צו העלפען לאקאל 25 ווייסט און דרעס מאכער יוניאן צו ארגאניזירען זיך און אגיטירען פאר א גענעראל סטרייק.

בריף פון פוילען

פון אונזער ספעציעלען קארעספאנדענט
דוד מייער.

.12

די איצטיגע סיטואציע.

נאך א לאנגען און עקשנות'דיגען קאמף האט ענדליך ביי אונז אין פוילען איבערגענומען דעם מלוכה־רודער די אפענע שווארצע רעאקציע.

דאס, וואס ס'האט זיך איהר ניט איינגעגעבען צו געווינען אין אפענעם פרייען קאמף בעת די וואהלען צום סיים האט זי איצט דערגרייכט אויף א הינטערוועג, א דאנק דעם פארראט פון רייכען פויערטום פון וויטאס'עס פארטיי, וועלכע האט זיך אפגעריסען פון פריהערדיגען „לינקען" בלאק און אפען אנגעהויבען צו געהן מיט דער רעאקציע.

די רייכע פויערים, פאבריקאנטען און פריצים האבען געשלאסען א נייעם בלאק כדי געמיינזאם צו שינדען די הויט פון שטאדטישען קאנסומענט און ארבייטער.

— די אפענע רעאקציע האט געזיגט.

ס'איז אוועק דער שיין פון פוילישען פסעוודא „דעמאקראטיזם" און „ליבעראליזם", וועלכער האט זיך געהאלטען ביי דער שווערד און פאלע פון פעלדמארשאל פילסודסקי.

פאקטייש אבער האט אויך די פריהערדיגע כלומרשט „לינקע" רעגירונג פון גענעראל שיקארסקי דורכגעפיהרט א היבש ביסעל שווארצע ארבייט. מיט א באזונדער אכזריות האט זי זיך ספעציאליזירט אין ארויסיאגען פון פוילען די פאר טויזענד אומגליקליכע אידישע פאמיליעס פון רוסלאנד, וועלכע האבען געווארט אויף זייער רייהע צו באקומען א וויזע פון אמעריקאנער קאנסול און האבען די מעגליכקייט אריבערצופאהרען צו זייערע פאמיליעס אין אמעריקא.

דער פרעמיער־מיניסטער שיקארסקי האט שטארק מורא געהאט מ'זאל איהם ניט חושד זיין אין אידען־פריינדליכקייט. פאר א פוילישען מלוכה־מאן איז דאס דער גרעסטער אומגליק. האט ער זיך טאקע כסדר אפגעגרענעצט פון די אידען און געזעהן, וואס מעהר זיי דאקוטשען.

אבער אויך די ארבייטער האבען ניט געהאט וואס צו באדויערען די דימיסיע פון גענעראל שיקארסקי. די רעפרעסיעס אויף די ארבייטער־אינסטיטוציעס האבען זיך פאר זיין צייט אבסאלוט ניט פארקלענערט. ס'זיינען ווייטער פארמאכט געווארען א גאנצע רייהע פראפעסיאנעלע פאראיינען, ווי צ. ב. די פאראיינען פון בוי־ארבייטער, לעדער און האלץ־ארבייטער, הויז־דינערשאפט א. ז. וו. זייערע לאקאלען זיינען רעקווירירט געווארען פאר פאליציייאישע צוועקען אדער פריוואטע וואוינונגען.

די גרעסטע צרות אבער האבען פון דער דאזיגער „לינקער" רעגירונג געהאט אויסצושטעהן די אידישע ארבייטער. מיט זיי האט מען זיך שוין אינגאנצען ניט צערעמאנירט.

ביי די אלגעמיינע דעמאנסטראציעס פון 1טען מאי זיינען די דעמאנסטראציע־צוגען פון די אידישע ארבייטער מיט א ספעציעלער אכזריות באפאלען און צוטריבען געווארען. אין לאדז האט די פאליציי אליין מערדעריש געשלאגען די אידישע ארבייטער און זיי מאסענווייז א־עסטירט, נאר דערפאר, ווייל זיי האבען זיך געפונען אין דעמאנסטראציאנס־צוג. אין ווארשע האבען זיי, מיט דער צושטימונג פון דער פאליציי, געשלאגען די ציווילע הוליגאנעס.

אויך די ארבייטער־פרעסע, איבערהויפט די אידישע, איז פון דער פריהערדיגער רעגירונג אויפ'ן שארפסטען אופן באקעמפט געווארען.

ס'איז פארמאכט געווארען, איינע נאך דער צווייטער, די טעגליכע צייטונגען פון די אידישע ארבייטער — „די פאלקסצייטונג" און „די נייע צייט". די רעדאקטארען זיינען איבערגעגעבען געווארען צום געריכט.

דער גרעסטער קלאפ, וואס די אידישע ארבייטער האבען באקומען פון דער פריהערדיגער „לינקער" רעגירונג, איז בלי־ספק דאס פארמאכען פון דער ארבייטער געזעלשאפט „אונזערע קינדער" מיט איהרע העכער 20 שולען און קינדער־היימען.

די ליקווידאציע פון דער געזעלשאפט „אונזערע קינדער" האט נאך די „לינקע" רעגירונג פון גענעראל שיקארסיק באשלאסען אין אנהויב פעברואר ה. י. מ'האט אבער, ווי ס'ווייזט אויס, געהאלטען פאר ניט באקוועם אזוי שנעל מיט דעם ארויסצוטרעטען אין דער עפענטליכקייט. מען האט זיך דאך פארט גערעכענט פאר א „ליבעראלער", „לינקער" רעגירונג. אין ענדע מערץ איז די פארוואלטונג צופעליג דערפון געוואר געווארען. אפיציעל האט מען איהם איצט געמעלדען אין מיטען אפריל.

די אידישע ארבייטער האבען גלייך ווי געהעריג פארשטאנען און אפגעשאצט דעם גרויסען פארלוסט, וואס זיי וועלען האבען פון פארמאכען די ארבייטער געזעלשאפט „אונזערע קינדער".

די דאזיגע געזעלשאפט האט ניט געשפילט די ראלע פון גלאט אן ארבייטער קולטור אינסטיטוציע, איינע פון א סך. ניין. דאס איז געווען די איינציגע געזעלשאפט, וועלכע האט געמאכט דאס אידישע דעמאקראטישע שול־וועזען פאר א עפענטליך־געזעלשאפטליכען פאליטישען פראבלעם. זי האט מיט איהר אויסגעהאלטענעם, ענערגישען קאמף און טעטיגקייט געצוואונגען די פוילישע און אידישע געזעלשאפטליכע מיינונג זיך פאראינטערעסירען מיט דער פראגע פון עקזיסטענץ פון אידישען שול־וועזען און ערנסט וועגען דעם טראכטען. די אידישע שול־פראגע איז אויף א פראקטישען אופן, דורך גרינדען און ארגאניזירען שולן, פאר דער ברייטער עפענטליכקייט אוועקגעשטעלט געווארען שארף און בולט.

די אידישע ארבייטער האבען געפרובירט זיך ווערען מיט זייערע שטענדיגע קאמפס־מיטלען: אין גאנצען לאנד זיינען ארגאניזירט געווארען א גאנצע רייהע פראטעסט־פארזאמלונגען. מ'האט אנגענומען א מאסע פראטעסט־רעזאלוציעס. אין סיים זיינען אריינגעטראגען געווארען צו דער רעגירונג אן אינטערפעלאציע און אן אנפראגע וועגען דער פראגע. מ'האט געשיקט דעלעגאציעס צו די פארשיידענע מיניסטארען און אנדערע הויך־געשטעלטע פערזענליכקייטען.

אלע האבען אבער געפיהלט, אז ס'זיינען פאראן קנאפע האפענונגען דאס די נייע, אפענע־רעאקציאנערע רעגירונג, וועלכע איז דערוויל דורך וויטאס'ן געשאפען געווארען, זאל זיך צו די אידישע שולען פארהאלטען ליבעראלער ווי די פריהערדיגע כלומרשט לינקע רעגירונג פון גענעראל שיקארסקי. די גרויסע אנשטרענגונג פון די אידישע ארבייטער האט נאך ניט געהאלפען און די געזעלשאפט „אונזערע קינדער" איז פארמאכט געווארען. די נייע רעגירונג האט ווייטער געשפונען די זעלבע פעדים, וואס ס'האט אנגעהויבען די פריהערדיגע.

געוועזען שווארץ, אזוי איז ווייטער.

ס'האבען זיך געענדערט די מיניסטארען, זיי ווייטער האבען געטוישט זייערע נאהענטע באאמטע און מיטארבייטער. אין פאליטישען לעבען באמערקט זיך ניט קיין אנדער ענדערונג. די אמת'ע רעאקציע האט נאך איהר פנים ניט באוויזען. צו דעם פיהלט זי זיך נאך ניט גענוג פעסט.

דארט אבער, וואו ס'האנדעלט זיך וועגען די אייגענע קעשענע, וועגען צאהלען גרעסערע שטייערען, אדער גלאט מאכען עפעס א גוט געשעפט אויפ'ן רעכענונג פון דער מלוכה — איז שוין די זאך אין גאנצען אנדערש. אין די פאלען קאן מען שוין ניט ווארטען.

די נייע רעגירונג האט זיך קודם־כל גענומען פארווירקליכען איהר עקאנאמישען פראגראם.

די רייכע פויערים, פריצים און פאבריקאנטען, וועלכע האבען געבילדעט די איצטיגע רעגירונג, האבען, א דאנק איהר מיטהילף, אנגעהויבען מאסענווייז ארויסצופיהרען זייערע פראדוקטען קיין אויסלאנד. אויב ביי די פריהערדיגע רעגירונג האט מען די פראדוקטען פון ערשטען געברויך ניט געקאנט ארויספיהרען אין אזא ברייטען מאסשטאב, האט מען זיך איצט, ווען מ'האט שוין אנ' אייגענע רעגירונג, אויף דעם געגעבען גענומען אינגאנצען פרייע הענד.

די ראדיקאלע פוילישע פרעסע שטעלט דאקומענטאל פעסט, אז דער גאנצער מיניסטארען קריזיס און וויטאס'עס פארראט צום לינקען בלאק איז ענטשטאנען ניט חס וחלילה צוליב פראגראמען, פרינציפען אדער אנדערע אזעלכע ענליכע זאכען.

ניט דאס שפילט א ראלע ביי די איצטיגע פוילישע רעדעל־פיהרער. ס'האט זיך נאר געהאנדעלט וועגען חזרים: דער לידער פון דער גרויסער פויערים פארטיי, וויטאס, האט געוואלט ארויספיהרען פון פוילען קיין טשעכיען 20 טויזענד חזרים. דער פריהערדיגער פרעמיער האט דאס ניט ערלויבט. האט דער „פויערים־קעניג", וויטאס, באשלאסען אליין צו ווערען פרעמיער.

די 20 טויזענד חזרים זיינען שוין קיין טשעכיען מסתמא זיכער אוועקגעפאהרען, די צוקער־פאבריקאנטען האבען שוין אויך אריבערגעשעפעלט קיין אויסלאנד צענדליגער וואגאנען צוקער. דאס זעלבע האבען געמאכט די תבואה סוחרים.

פאר דעם אלעמען באקומען די עקספארטערען אויסלענדישע פעסטע וואליוטע, ניט קיין פוילישע מארקען, און מאכען ביי דעם גאלדענע געשעפטען.

דערפאר אבער ווערט דאס ביסעל איבערגעבליבענע פראדוקטען, וואס די סוחרים באוויזען ניט ארויסצופיהרען, שרעקליך טייער. פאר דעם ארבייטער, האנדעלס־אנגעשטעלטער, באאמטער און גלאט ארימען מענשען ווערט פלייש, צוקער און זאגאר ברויט א געגענשטאנד, וואס איז אונמעגליך, צוליב די הויכע פרייזען, צו קויפען.

גוטע געשעפטען, אויפ'ן רעכענונג פון די ארבעטער און פאלקס־מאסען מאכען די איצטיגע מלוכה פיהרער יא. צאהלען גרעסערע שטייערען ווילען זיי אבער ניט. זיי האלטען, אז דאס דארפען מאכען אנדערע. זייער זאך איז נאר אויסנוצען די מלוכה אבער ניט איהר עפעס צו געבען.

אין איינעם פון מיינע פריהערדיגע בריף האב איך שוין אנגעוויזען, אז דער קאטאסטראפאלער צושטאנד פון די פוילישע פינאנסען איז א רעזולטאט דערפון, וואס די רייכע ערד־ און גוטס־באזיצער ווילען ניט צאהלען קיין שטייערען.

פוילען איז אנ'אגרארלאנד. העכער א העלפט פון איהרע איינוואוינער זיינען באשעפטיגט אין דער אגרארפראדוקציע, וועלכע איז דער הויפט עלעמענט פון גאנצען נאציאנאלען רייכטום. די מלוכה דארף דעריבער פון דעם שעפען איהר הויפט הכנסה.

ווילען אבער די פריצים און רייכע פויערים ניט צאהלען קיין שטייערען. די גאנצע יעהרליכע הכנסה פון ערד־שטייער אין לאנד דעקט ניט די קאסטען פון איין טאג מלוכה־אויסגאבען. אלע שטייערען געהען אויפ'ן רעכענונג פון איינפאכען שטאדטישען בירגער. דער שטייער פון איין מארג ערד (דאס איז עטוואס מעהר ווי א האלבער העקטאר) איז 5 מאל וויניגער ווי ס'צאלט דער שטאדטישער קאנסאמענט רעגירונג־אקציז פון א פונט צוקער.

דאס ווייטער, וואס די רעגירונג ניט זיך איין ארויסצוקוועטשען פון די ארימע פאלקס־מאסען קאן אבער אויף קיין פאל ניט דעקען די קאלאסאלע אויסגאבען פון דער פוילישער מלוכה, וועלכע האלט נאך צו דעם אויס א גאנץ גרויסע ארמיי. דער מלוכה־דעפיציט וואקסט דעריבער פון טאג צו טאג.

אין איצטיגען מאמענט דערגרייכט שוין דער מלוכה־דעפיציט צו קאלאסאלע אסטראנאמישע ציפערן, וועלכע דער פראקטישער מוח איז שוין גאר ניט אומשטאנד צו באגרייפען און אונטערשיידען. ממילא פאלט דער פוילישער מארק. ס'וואקסט דער יקרות, ס'ענטשטעהט א כאאס אין דער פראדוקציע, פאבריקאציע און האנדעל.

דער פריהערדיגער פינאנס־מיניסטער גראבסקי, אליין א קאנסערוואטאר און רעאקציאנער, איינער פון די 2 פאך־מיניסטארען פון שיקארסקי'ס רעגירונג, וועלכע זיינען איבערגעגאנגען אין וויטאס'עס נייעם קאבינעט, האט נאך פאר

(שלוס אויף זייט 14).

ווערען די הויפט־שטעלען געהאלטען פון מענשען, וועלכע זיינען פאליטיש גאנץ אומצייטיג. אויף דער טענה האט טראצקי דערוויל נאך ניט געענטפערט.

—

עס באוועגט זיך דאך! אפילו אין כינא ווערט איינגעפיהרט דער צעהן־שטונדיגער ארבייטס־טאג, און א פארמינדערונג פון די ארבייטס־שטונדען פאר קינדער. אויך ווערט דארט איינגעפיהרט צוויי טעג רוה יעדען מאנאט, א זאך, וואס איז ווירקליך גאנץ ניי אין כינא, פאר יעדען ערוואקסענעם ארבייטער, און דריי טעג רוה יעדען מאנאט פאר פרויען און קינדער. בנאמנות, פאר כינא איז דאס אן אמת'ע רעוואלוציע, כאטש זי איז אזא שטילע.

—

פואנקארע האלט נאך אלץ אין זינגען דאס זעלבע לידעל, אז אויב דייטשלאנד וועט ניט באצאהלען, ריהרט ער זיך ניט פון רוהר. וואס טויגען איהם אנדערע שעהנע גאראנטיעס אויפ'ן פאפיר, אז ער האט רוהר. און אזוי ווי דייטשלאנד קען ניט באצאהלען, בלייבט פראנקרייך, הייסט עס, אין רוהר. און דאס, זאגט ער, איז ניט זיין פאליסי, נאר דאס גאנצע פראנצויזישע פאלק איז מיט איהם אין דער דאזיגען באשלוס. גלויב איך עס ניט. פון דעסטוועגען זיינען נאך דא אין פראנקרייך גענוג איידעלדענקענדע מענשען, וועלכע זעהען איין די נידערטרעכטיגקייט פון דער דאזיגער געוואלט־פאליסי. אמת, זיי זיינען איצט אין דער מינאריטעט, און זייער ווירקונג אויף דער עפענטליכער מיינונג אין פראנקרייך איז, ווי עס זעהט אויס, זעהר א שוואכע. אבער, ווי באקאנט, איז דאס פראנצויזישע פאלק מסוגל גאנץ לייכט צו ענדערען זיינע מיינונגען. פואנקארע מיט זיין רעגירונג, מיט זיין פאליסי, מעג זיין מעכטיג איצט. אבער ווער קען פאראויסזאגען, וואס דער מארגען וועט ברענגען?

—

און אין דייטשלאנד רעדט מען שוין וועגען דעם, אז די טעג פון דער סטרעסמאן־רעגירונג זיינען געצעהלטע; מען רעדט אויך גאנץ אפען פון א בירגער־קריג, און פון א מיליטאריסטישע דיקטאטור. אבער, ווי אזוי דאס וועט קענען ענדערען, צום בעסערען, די לאגע פון דעם דייטשען פאלק, איז זעהר שווער צו פארשטעהן.

—

די יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן קומט ארויס מיט א רייהע ארטיקלען געגען די באלשעוויסטישע און קאמוניסטישע פראפאגאנדע וואס ווערט אנגעפיהרט אין אמעריקא: דערוויל, פון דעם ערשטען ארטיקעל, קען מען זעהן בלויז די אנקלאגען. די באווייזען פאר זיי פעהלען אין גאנצען. אויך, ווי מיר שיינט, מאלט דער ארטיקעל־שרייבער דעם טייפעל שווארצער, ווי ער איז. ער איז גארניט אזוי געפעהרליך. און, אויב עס איז אמת, אז די רוסישע סאוועט־רעגירונג האט צו דער געלעגענהייט פון פאר־יאהריגען קוילען־מיינער־סטרייק צוגעשיקט א מיליאן און הונדערט און צעהן טויזענט דאלאר, איז ווירקליך א שאד יעדער גראשען, ווייל אמעריקא און די אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג אלס גאנצע איז פונקט אזוי ווייניג קאמוניסטיש, ווי מיט 5 יאהר צוריק. די יונייטעד מיין ווארקערס יוניאן באגעהט א גרויסען פעהלער מיט דער פארעפענטליכונג פון דיזע ארטיקלען. זיי וועלען נאר העלפען איינינע מענשען, וועלכע האבען געמאכט דעם קאמוניזם פאר זייער פראפעסיע, ארויסצוזויגען פון רוסלאנד נאך עטליכע דאלאר

אויף א מיטינג פון קלאוק און דרעססמאכער דזשאינט באארד

פון א ספעק. רעפארטער.

דער געוויינליכער מיטינג פון דעם פאראייניגטען קלאוק און דרעססמאכער דזשאינט באארד, וואס ווערט אפגעהאלטען אין אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, איז לעצטען פרייטאג אוונט פארוואנדעלט געווארען אין א מיטינג פון גרויס באדייטונג, פון אונגעווענליכער וויכטיגקייט. פרעזידענט מאריס זיגמאן האט אויף דעם מיטינג ערקלערט די שטעלונג פון׳ם דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד צו די אפאזישאן יוניאנער, „די עדיוקיישאנאל ליגע" וועלכע זיינען לעצטענס ארויסגעטראטען אין פארשיידענע טיילען פון דער יוניאן אונטער אזא קלינגענדען נאמען.

ער האט אנגעוויזען אז דיזע זאגענאנטע „ליגע" טוען די זעלבע ארבייט וואס עס האט אמאל געטאן די „סוליקעס סקעב אגענטור", ארגאניזירענדיג א מין „אינדאסטריעל אינטערנעשאנאל אוו דהי ווארלד". ער האט אנגעוויזען, דאס פונקט אזוי ווי אמאל די סוליקעס גענג, אזוי לאזען ארויס די „ליגע" פארשיידענע פאמפלעטען און בלעטלאך מיט בילבולים, אז די יוניאן „באשעפטיגט גאנגסטערס" און „שיקט גאנגסטערס צו שלאגען און מארדען געגנער און קריטיקער".

ער האט געשילדערט ווי אזוי סוליקעס מיט זיין גענג האבען דעמאלט געמאכט באשולדיגונגען געגען דער יוניאן, פון וועלכע עס איז דעמאלס ארויסגעקומען א „מארד-פראצעס" געגען דער יוניאן. יענער „מארד-פראצעס" איז געווען געריכטעט צו פארניכטען די קלאוקמאכער יוניאן און דעמאלט געשטיצט געווארען פון אלע יוניאן שונאים, פון אלע פינסטערע געגנער פון די ארגאניזירטע ארבייטער. און ער האט אנגעוויזען, ווי די „לינקע" פאסקודניאקעס, די אזוי גערופענע „קאמוניסטען", די נידערטרעכטיגע פארלוימדער פון דער בלעטעל, וואס האט די חוצפה זיך צו רופען „די פרייהייט", טוען איצטער פונקט דאס זעלבע וואס סוליקעס מיט זיין סקעב-אגענטור האט געטאן! ער האט אנגעוויזען, דאס אויך זיי זיינען פארביסענע שונאים פון די איצטיגע יוניאנס, וועלכע ווילען זיך נים לאזען פון זיי באהערשען און דאס זיי ווענדען אן אלע נידערטרעכטיגע מיטלען, פונקט ווי דעמאלס סוליקעס מיט זיין גענג, די יוניאן צו צוברעכען.

זיגמאן האט דאן געשילדערט, ווי אזוי די לינקע שונאים פון דער יוניאן האבען זיך באהאלטען אונטער אן „עדיוקיישאנאל ליג" א פארפירערישער נאמען, כדי צו שעדיגען דער יוניאן. און וואס באשטייט די זאגענאנטע „עדיוקיישאנאל" טעטיגקייט פון דער „ליג"? — פרעגט ער. מעהר נים ווי אין פארלוימדען די פיהרער פון די יוניאנס, כדי ארייןצוברענגען האס און מיסטרויען צווישען די מיטגלידער, אום אפצושוואכען די ארגאניזאציעס! איז דאס אן עדיוקיישאנאל טעטיגקייט? דאס איז בלעקמייל נים עדיוקיישאן!

און ער דערציילט ווי אט די טייוועלישע ארבייט איז ביז איצט געטאן געווארען אין אונזערע לאקאלס אין די פארשיידענע שטעדט. ער ווייזט אן ווי די „עדיוקיישאנאל ליג" האט אויפגעבויט א גאנצע מאשין, וועלכע זאל פון דרויסען דיקטירען וואס די יוניאנס זאלען יא טאן אדער ניט טאן. און אט די ארבייט האט געדארפט געטאן ווערען פון זייערע אגענטען אין די יוניאנס. די מיטגלידער וואס באלאנגען צו זייער „ליג", זיי האבען אין שיקאגא און אין נאך אנדערע שטעדט אזוי נאך גענומען באשטימען פון דרויסען, ווער עס זאל זיין א בעאמטער אין דער יוניאן און ווער ניט, ניט אכטענדיג וואס די מיטגלידערשאפט שטימט פאר זיי.

„צו אט דער טייפעלישער ארבייט פון די „לינקע" איינמישענישען אין די יוניאנס האט מען געמיינט איין מאל פאר אלע מאל מאכען א סוף. מיר האבען געמיינט אויספאדערן די יענע מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס, וואס זיינען אין דער לעצטער צייט טעטיג אין דער פארמאסקירטער „עדיוקיישאנאל ליג", זיי אויסצוקלייבען וואו זיי ווילען בלייבען באלאנגען, אין דער יוניאן אדער אין דער „ליג", און די וואס ווילען דורכאויס באלאנגען אין דער „ליג" מוזען ווערען אויסגעשלאסען פון דער יוניאן.

און פרעזידענט זיגמאן ווייזט אן, דאס זיי, די קאמוניסטען, האנדלען אין דער הינזיכט נאך א סך שטרענגער. זיי שליסען אויס פון זייער פארטיי, אהן דין און אהן משפט יעדען איינעם וואס ערלויבט זיך צו האבען אן אייגענע מיינונג, ווי זיי האבען עס געטאן מיט ל. ב. באלוצקי און פילע אנדערע. פארוואס מעגען זיי אויסשליסען מעמבערס וואס קומען ניט נאך אין אלע פונקטען די דיסציפלין פון זייער פארטיי, און א יוניאן טאר ניט אויסשליסען אזעלכע מיטגלידער וואס ארבייטען בוכשטעבליך געגען די אינטערעסען פון דער יוניאן?

„א פאליטישע פארטיי — זאגט דער רעדנער — איז א לויזע ארגאניזאציע, אן ארגאניזאציע וואס גיט זיך אפ מיט צוקונפטס-מוזיק, וועלכע זאגט צו זאכען פאר שפעטער, ווען משיח וועט קומען, און ווען אזא פארטיי מאכט א דורכפאל, האט מען אויך צו די פיהרער קיין טענות ניט. און פונדעסטוועגען זיינען זיי אזוי שטרענג מיט זייער דיסציפלין און שליסען זיי אויס פון דער פארטיי פאר יעדע קלייניגקייט. היינט — פרעגט ער — וויפיל שטרענגער דארף זיין אין דער הינזיכט א טרייד יוניאן, אן ארגאניזאציע וועלכע קעמפט שוין איצטער, טאקע יעדען טאג פאר די פארבעסערונג פון דעם ארבייטער׳ס לאגע? וויפיל מעהר פארזיכטיג דארף זיין א טרייד יוניאן, וועלכע מוז כסדר שטיין אין קאמף מיט די באלעבאטים ארויסצורייסען פון זיי פאר די ארבייטער א גרעסערן ביסען ברויט? דער פארברעכען פון א מיטגליד געגען א טרייד יוניאן קען טאן טויזענד מאל מעהר שאדען, ווי דער פארברעכען פון א מיטגליד געגען זיין פאליטישע פארטיי. דאך, זאגט ער, די „לינקע" דעמאגאגען, וועלכע פארפאלגען אזוי שטרענג יעדען מעמבער, וואס פאלגט ניט בלינד אויס זייער דיסציפלין, מאכען אזא טומעל, ווען א יוניאן שליסט אויס די מעמבערס, וועלכע גראבען פשוט אונטער דעם סאמע פונדאמענט פון דער ארגאניזאציע! זיי מעגען זיך פראטעקטען געגען ניט געוויינשטע מיטגלידער און די יוניאן טאר ניט! און ווען די יוניאן האט זיך גענומען פראטעקטען געגען איהרע אפענע און באהאלטענע שונאים פון אינווייניג, זיינען די קאמוניסטען אזוי צורייצט געווארען, דאס זיי האלטען זיך ניט אפ פון׳ם געמיינסטען פארברעכען. עס איז ביי זיי אפילו רעכט צו טאן דאס זעלביגע וואס סוליקעס מיט זיין גענג האבען געטאן מיט עטליכע יאהר צוריק — צו מאכען אויף דער יוניאן א מכוער-בילבול פון א נייע מארד געשיכטע!"

ווי באוואוסט, איז פרעזידענט זיגמאן איינער פון די קרבנות אין דער קלאוקמאכער יוניאן פון דעם מארד-פראצעס, וואס איז דעמאלט ארויסגעקומען דורך די סוליקעס פארלוימדונגען, דורך סוליקעס אנגריף אויף דער יוניאן. זיגמאן האט געשמאכט אין פריזאן איבער פינף מאנאטען, מיט א מארד פראצעס הענגענדיג איבער זיין קאפ, און איצטער שטעהענדיג אויף דער פלאטפארם און רעדענדיג פון יענעם טרויעריגען עפיזאד ווען דער עלעקטרישער טשער האט דורך פארלוימדונגען און פראוואקאציעס געלויערט אויף איהם מיט די אנדערע יוניאן-לייט, וואס זיינען דעמאלט געווען אנגעקלאגט, האט ער איבערגעשוידערט פון ענטריסטונג. מען האט געזעהן, דאס ער האט ווידער אמאל איבערלעבט די שרעקליכע פלאגענישען פון יענעם טרויעריגען מאמענט אין דער געשיכטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן און ער האט אנגעוויזען מיט צארן, דאס די קאמוניסטען, די זאגענאנטע „עדיוקיישאנאל ליג" מענשען, געהען איצט אין סוליקעס וועגען, זוכענדיג ארויפצוווארפען אויף דער יוניאן א נייעם מארד-בלבול!

און פרעזידענט זיגמאן האט ניט געמאכט אזעלכע באהויפטונגען גלאט אין דער וועלט אריין, ווי דאס טוען די שמירער אין דער „פרייהייט". יעדער סטייטמענט, וואס ער האט געמאכט, איז באזירט אויף פאקטען. ער האט געהאט ביי זיך די צירקולארען פון דער אמאליגער סוליקעס סקעב-אגענטור און די שרייבערייען געגען דער יוניאן אין דער אמאליגער „ווארהייט", וועלכע לעבט שוין נים מעהר, און די צירקולארען, וואס ווערען ארויסגעלאזען פון דער היינטיגער יוניאן-ברעכערישער „עדיוקיישאנאל ליג", און אויך די שרייבערייען פון דער קאמוניסטישער „פרייהייט", און ער האט געוויזען, דאס ביידענס פארלוימדונגען געגען דער יוניאן זיינען פון דעם זעלבען כאראקטער! דאס ביידע ווארפען אונטער דער יוניאן א מארד-בלבול! סוליקעס האט אפגעוואכט א לייבאוויטץ געשיכטע, און די קאמוניסטען ווילען סטיידזשען א פאסטער געשיכטע.

פרעזידענט זיגמאן האט געוויזען מיט פאקטען, דאס די „עדיוקיישאנאל ליג", איז ניט מעהר ווי א פארשטעלטע, א באהאלטענע אפאזיציאנס-יוניאן, וואס זוכט אונטערצוגראבען אונזער אינטערנעשאנאל, אזוי גוט ווי אלע אנדערע יוניאנס, וואס ווילען ניט זיך לאזען באהערשען פון זייער קאמוניסטישער באוועגונג. ער האט אנגעוויזען, ווי די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס, וואס האבען זיך געלאזט פארפיהרען פון די „לינקע" דעמאגאגען פון דער „ליג", האבען געהאנדעלט פארברעכעריש געגען זייער אייגענער ארגאניזאציאן און — זאגט ער — דאס וועט מעהר בשום אופן ניט געדולדעט ווערען. אזעלכע מעמבערס וועלען גערופען ווערען צו פאראנטווארטליכקייט, זיי וועלען מוזען אויסקלייבען וואו צו באלאנגען, — דא אדער דארטען — ווארים אין ביידע ארגאניזאציעס מיט אמאל וועלען זיי מעהר ניט קאנען זיין, ניט אכטענדיג אפילו אויף די ווילדסטע אטאקעס און מארד-בלבולים פון די קאמוניסטען.

פרעזידענט זיגמאן האט אויך געצויגען די אויפמערקזאמקייט פון דזשאינט באארד צו דעם פאקט, דאס מאנכע עלעמענטען אין דער יוניאן שטיצען פינאנציעל אזא בלעטעל ווי די „פרייהייט", וועלכע האלט זיך ניט צוריק אפילו פון איינבלאזען א מארד-בלבול געגען אונזערע יוניאן פיהרער, די מענשען, וועלכע דארפען זיין די פארטרעטער פון די מאכען ביי די פארשיידענע פארהאנדלונגען מיט די מאנופעקטשורער. וואו איז דא די קאנסעקווענץ — פרעגט ער? ממה נפשך: זיינען די פארלוימדונגען פון יענע דעמאגאגען געגען די יוניאן באאמטע ריכטיג, טו דארף די מעמבערשיפ נים זיין גלייכגילטיג און האנדלען אזוי, דאס די דאזיגע באאמטע זאלען באזייטיגט ווערען; גלויבען אבער די מעמבערס נים, אז יענע פארלוימדונגען זיינען ריכטיג, און זיי שיקען די פארלוימדעטע באאמטע זייערע צו פארהאנדלען מיט די מאנופעקטשורער פאר בעסערע באדינגונגען, טו טארען זיי ניט יענע פארלוימדער און זייערע בלעטלאך ניט נאר ניט שטיצען אויף אירגענד וועלכען אופן, זאנדערען די דאזיגע בלעקמייל בלעטלאך און זייערע ארויסגעבער דארפען פארדאמט ווערען! עס איז דאך — זאגט ער — דאס גרעסטע ווידערשפרוך, און דער גרעסטער אומזין, דאס מאנכע טיילען פון דער יוניאן זאלען שטיצען פינאנציעל די בלעקמיילער און זייערע בלעטלאך. אזעלכעס טאר פשוט ניט דערלאזט ווערען, און עס וועט מעהר נים דערלאזען ווערען!

די גרויסע צאהל דעלעגאטען, וואס זיינען געווען ביים מיטינג פון דזשאינט באארד, האבען אין פארלויף פון זיגמאנ׳ס רעדע געמאכט עטליכע מאל דעמאנסטראציעס פון צושטימונג צו דעם, וואס ער האט געזאגט: און ווען ער האט ערקלערט, אז די אינטערנעשאנאל וועט נים מאכען קיין צוריקטריט און וועט אנפיהרען א קאמף פטור צו ווערען פון דער „עדיוקיישאנאל ליג", אזוי ווי עס איז געקעמפט געווארען אמאל פטור צו ווערען פון די אלע אנדערע-

---

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

אלע זיינען צופרידען מיט דעם סעטעלמענט אין קוילען-סטרייק. די מיינערס האבען געקראגען א ממשות׳דיגע העכערונג אויף זייערע שכירות, א פארקירצונג פון זייערע ארבייטס-שטונדען און די פולע אנערקענונג פון דער יוניאן. די מינען-איינגענטימער זיינען ניט אזוי צופרידען, אבער אלץ בעסער, ווי האבען א סטרייק פון עטליכע מאנאטען, מיט א צוגאב פון געפאהר אין גאנצען צו פארלירען זייערע מינען. איבעריגענס, וועלען זיי ניט צולייגען דער באבע׳ס ירושה, אפילו ווען דער פרייז אויף קוילען וועט בלייבען ווי ער איז: איז דאס אבער נאך א גרויסע פראגע; מעהר נאך, עס איז א סברא, אז זיי זאלען נאך פארדינען פון דער הוספה. דער פובליקום איז אויך צופרידען: אמת, די קוילען וועלען איהם קאסטען טייערער, אבער ער איז דאך שוין געוואוינט צו דעם, אז מען זאל איהם פליקען און צופען. גאווערנאר פינטשא איז אודאי צופרידען. עס איז ווירקליך פאר איהם א פערזענליכער טריאומף, וועלכער קען איהם נאך אמאל מאכען פאר פרעזידענט פון די פאראייניגטע שטאטען. די איינציגע, מסתמא, וועלכע זיינען נים שטארק צופרידען, זיינען עס מסתמא אונזערע „לינקע". זיי וועלען זעהן אין דעם גאנצען סעטעלמענט א פארראט פון די פיהרער געגען די ארבייטער, געגען דעם קלאסענקאמף און געגען דער רעוואלוציע. אבער, וואס הייסט איהר? די גאנצע וועלט צופרידענשטעלען קען מען דאך נים

ווי עס שיינט, איז דערווייל א מלחמה צווישען איטאליען און גריכענלאנד אויסגעמידען. און במילא איז א נייער וועלט-בראנד אפגעלייגט אויף א שטיקעל צייט. אבער, ווי נאהענט עס איז געווען די דאזיגע געפאהר ווען דער הפקר-מענש מוסאליני וואלט זיך אביסעל מעהר איינגעשפארט, אדער, ווען גריכענלאנד וואלט געווען נים אזוי הילפלאז, און נים געמוזט נאכגעבען! אט דאס וועט פילע מענשען ענדליך מוזען ברענגען צו דעם געדאנק, אז די לעצטע מלחמה, אין וועלכער מיליאנען מענשען זיינען אומגעקומען, און כלומרשט מיט דעם צוועק צו ענדיגען מלחמה אויף אייביג, איז געווען פשוט אומזיסט.

אויך האט זיך ארויסגעוויזען קלאר ווי דער טאג, וואס פאר א הילפלאזע קלאגעדיגע מאכערייקע דאס איז די „ליג אוו נעישאנס", וועלכע האט עס באדארפט זיין דער מיטעל, דער ווערקצייג צו מאכען א מלחמה צווישען צוויי פעלקער, וועלכע זיינען ביידע מיטגלידער פון דער ליג, אונמעגליך. מוסאליני האט גלייך ערקלערט, אז ער וועט נים ערלויבען דער ליג זיך אריינצומישען, און זי האט עס אויך נים געוואגט צו טאן. פון דעם אלעם איז קלאר, אז די געפאהר פון א פעלקער-מלחמה איז איצט אזוי גרויס, ווי אין יאהר 1914, און דאס נאך א פאלשטענדיגע ראדיקאלע ענדערונג פון פארקוטען אין דעם לעבען פון די פעלקער אויף דער ערד, כדי מלחמה זאל ווערען א זאך פון דער פארגאנגענהייט.

פון די ציימונגען זעה איך, אז אונזער אלטער גאמפערס האט זיך ערקלערט אלס אויס „פאציפיסט", ווייל די לעצטע מלחמה האט איהם געלערענט, דאס ער האט זיין גאנצען לעבען געלעבט אין טעות. נו, איז פון איין זייט קומט איהם צו גראטולירען, וואס ער איז נאך אזוי יונג, דאס ער קען ענדערען זיינע מיינונגען און איבערצייגונגען פון א גאנצען לאנגען לעבען. פון דער אנדערער זייט, ווילט זיך אויסדריקען דעם באדויערען, וואס זיין מיינונג׳ס ענדערונג איז געראדע אזא, וואס ווייזט, אז ער ווערט ווירקליך אלט. ווארים די מעהרסטע דענקענדע יונגע מענשען האט די לעצטע וועלט-מלחמה דוקא געמאכט פאר אמת׳ע פאציפיסטען, און זיי אין גאנצען אויסגעקורירט פון זייער פריהעריגען מלחמה-ענטוזיאזם.

איבעריגענס איז דער פארלוסט פאר׳ן פאציפיסטישען געדאנק דורך גאמפערס׳עס מיינונגס-ענדערונג נים קיין זעהר גרויסער. ווארים א פאציפיסט, וואס קען אזוי לייכט ביי יעדען מלחמה-אויסברוך ווערען א מלחמה-ענטוזיאסט, איז נים קיין גרויסער קרעדיט פאר דער באוועגונג, וואס שטרעבט צו ברענגען אייביגען פרידען פאר דער וועלט.

מעיאר היילען איז פארט א בעל מזל. ער איז קראנק געווארען פונקט דאן, ווען אלע ציימונגען זיינען פול מיט דער ענטדעקונג פון דער העסליכסטער קארופציאן אין זיין מ ו ס ט ע ר ה א פ ט ע ר פאליס, פון דעם איינפאכען דעטעקטיוו ביז צו די סאמע קאמישאנערס. ער וואלט זיכער געהאט פיל עגמת נפש ווען ער דערוויסט זיך וועגען דעם. אבער איצט, אויף זיין קראנקענבעט, אויף וועלכער ער געפינט זיך מיט זיין ניומאניע, ווייס ער גארנים פון דעם. און דאס, וואס מען ווייס נים, דאס טוט דאך נים וועה.

אויף אלץ איז דא געלט, נאר קומט עס צו סקולס, ווערט דאס געלט אין אונזער טרעזשורי ווי אויסגעטרונקען. שוין יאהרען און יאהרען, ווי די סקול-קינדער מוזען צוזאמענגעשפארט ווערען צו 50, צו 60 אין א קלאס, און דאס נאר פאר א האלבען טאג, אום צו קריגען די מעגליכקייט זיך אויסצולערנען אביסעל שרייבען און לייענען. איז עס עפעס א וואונדער, וואס די קינדער קומען ארויס פון אזעלכע סקולס מעהר שטומפזיניגע, ווי ווען זיי זיינען אריין?

אן אינטערעסאנטער ויכוח איז פארגעקומען צווישען טראצקי און א צווייטען רוסישען קאמוניסט, מיט׳ן נאמען קאסיאר. טראצקי איז ארויס אין דער פרעסע מיט א רייהע ארטיקלען, אין וועלכע ער האט פארגעווארפען די קאמוניסטישע ציימונגס-שרייבער זייער אומוויסענהייט. ער האט ארגומענטירט, אז כדי די רוסישע קאמוניסטישע ציימונגען זאלען קענען ווערען א קוואל פון בילדונג און קולטור, דארפען די שרייבער האבען דעם מוט צו שרייבען פראנק און פריי וועגען די עקזיסטירענדע צושטענדען. קאסיאר האט אויף דעם געענטפערט, אז עס איז אמת, דאס די רוסישע ציימונגס-שרייבער זיינען זעהר אומפעהיג צו באטראכטען ריכטיג פארשיידענע מאמענטען: אבער, ווי קען עס דען אנדערש זיין? האט ער גע׳טענה׳ט, אז אין דער „ראסטא", דער אפיציעלער רוסישער טעלעגראפען אגענטור,

קלאוקמאכער דזשוינט באארד פון באסטאן פארדאמט די „פרייהייט" פאר די בלבולים אויף אונזער אינטערנעשאנאל.

(שלום פון זייט 1.)

מיר נאך ניט געזעהן, די „פרייהייט" זאל עס האבען געטאן. ווי עס שיינט וויל דאס בלעטעל, דאס דער פאלישער איינדרוק זאל בלייבען.

„אבער קיין סך זארגען וועגען דעם דארף מען נים. ווארים מישטיינס גע־זאגט, וויפיל „לינקע" זיי האבען דא אין באסטאן גאר אין גאנצען!

„דער מאסמיטינג וואס די יוניאן האט איינבארופען איז געווען אן ערפאלג אין אלע הינזיכטען. ביידע רעדנער, ברודער פיינבערג און ברודער העלער, האבען גע־האלטען אינטערעסאנטע רעדעס, וועגען דער איצטיגער לאגע אין דער קלאוק און סוט אינדוסטריע איבער'ן לאנד. זיי האבען אנגעוויזען אויף די עקאנאמישע אורזאכען, פון וועלכע עס ליידען איצטער כמעט אלע קלאוקמכער אין די אלע קלאוק מארקעטס פון אמעריקא און קאנאדע.

„די רעדנער האבען אויך אנגעוויזען, ווי אזוי די שלעכטע צייט ביי די קלאוק־מאכער ווערט אויסגענוצט פון מאנכע עלעמענטען אין און אויסער דער יוניאן, צו פארגיפטען די מוחות פון די מיט־גלידער געגען די פיהרער און אריינצו־ברענגען כאאס אין די רייהען פון דער יוניאן. זיי האבען אנגעוויזען, ווי די לייטע וואס האבען זיך פאררוקט אונטער דעם הויך־קלינגענדיגען נאמען פון אן „עדיוקיישאנאל ליג", שלאגען קאפיטאל פון דעם טרויעריגען צושטאנד פון די ארבייטער און זיי רייצען אויף די אר־בייטער ניט געגען די באסעס, נאר געגען די פיהרער פון דער יוניאן.

„אט דער סטייטמענט איז אונטער־בראכען געווארען פון עטליכע פרעמדע, ניט קיין מיטגלידער פון דער קלאוקמאכער יוניאן וואס זיינען אריינגעלאזען געווא־רען צו דעם מיטינג אוים העפליכקייט. זיי האבען ניט געגליכען דעם אמת וואס די רעדנער האבען ארויסגעזאגט, און זיי האבען געוואלט אפברעכען דעם מיטינג. די קלאוקמאכער אין האל זיינען שטארק אויפגערעגט געווארען פון דער מיאוסער האנדלונג פון די דאזיגע פארשוינען און מען האט זיי געוואלט ארויסווארפען פון האל. אבער דער טשערמאן פון מיטינג, אזוי גוט ווי די רעדנער, האבען אפעלירט צום אויפגערעגטען עולם, מען זאל די לייטע לאזען זיצען.

„ניט אכטענדיג די אונטער־ברעכונג, אט דער מיטינג געווען א גרויסער ער־פאלג און די מיטגלידער האבען פארלאזען דעם האל ענטשלאסען צו באקעמפען אלע פיינד פון דער יוניאן, וואו זיי זאלען זיך ניט געפינען, אין דער יוניאן אדער אויסער דער יוניאן."

„דאנערשטאג אווענט, דעם 6טען סעפטעמבער, איז אפגעהאלטען געווארען א מיטינג פון דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד. אויף דעם מיטינג איז אויפגע־נומען געווארען די פראגע ווי געמיין די לינקע און זייער „פרייהייט" פארשפריי־טען פאלשקייטען און פארלוימדונגען גע־גען אונזער אינטערנעשאנאל און איהרע באאמטע. אויף דעם מיטינג איז אנגע־נומען געווארען א רעזאלוציע, אין וועל־כער די „פרייהייט" ווערט פארדאמט פאר איהרע געמיינע אטאקעס אויף אונזער אינטערנעשאנאל. די זעלבינע רעזאלוציע דריקט אויך אוים פולען צו־טרויען צום דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל.

„כאראקטעריסטיש איז, דאס דער איין־איינציגער „לינקער" וואס געפינט זיך אין דעם דזשאינט באארד האט אליין פארגעשלאגען, דאס מען זאל אננעהמען א פראטעסט־רעזאלוציע געגען דער „פריי־הייט". דאס צייגט, אז די לעצטע ווילדע אטאקעס פון דער „פרייהייט" האבען געהאט פונקט א פארקערטע ווירקונג, אפילו אויף זייערע אייגענע מענשען. בלויז מיט עטליכע חדשים צוריק ווען די „פרייהייט" האט אפעלירט נאך הילף, האט דער זעלבער דזשאינט באארד בא־שלאסען צו שטיצען איהר מיט 25 דאלאר. דער דזשאינט באארד וועט אזעלכעס שוין געווים מעהר ניט טאן".

א באאבאכטער.

קורצע שמועסן
צווישען דעם רעדאקטאר און די לעזער

דזשעני גאלדמאן. — געוויס האבען מיר ניט געצווייפעלט אין דעם, וואס איהר האט געשריבען אין אייער ערשטען בריף, אז די מעדיצינישע אונטערזוכונג, וואס האט געקאסט לויט׳ן אדווערטייזמענט, האטטען אייך ה. דאקטאר האט אייך גערעכנט הכל $10. שבעה, און וואס מיר צווייפלען זעהר שטארק, איז אויב איהר האט ניט געדאט א ס פ ע צ י ע ל ע אונטערזוכונג וועגען ד ע ם האבען מיר געוואלט נאכפרעגען און אייך איינגעראטען אנצופרעגען. אייגענטליך האט איהר עס דאך געדארפט גלייך טאן, און פרעגען ביי דעם פאראנטווארטליכען באאמטען פון דער אינסטיטושאן, ווארום האט עס אייך געקאסט מעהר, ווי עס איז געווען אדווערטייזט. איהר וואלט דאן פארשפארט שרייבען בריף צו אונז, אויב די ערקלערונג וואלט געווען א צופרידענשטעלענדע. נאר אזוי ווי איהר האט עס ניט געטאן, האבען מיר אייך געראטען עס איצט צו טאן. טו וואס זייט איהר ברוגז אויף אונז? מיר האבען שוין געגעבען דעם מ י נ ד ר י ך נאכגעפרעגט. איצט ווערען מיר איבערגעבען אייערע בריוו, און איהר וועט זיכער קריגען א צופרידענשטעלענדען ענטפער. וואס אנבאטרעפט די "ארטיקעלס", זיינען מיר כמעט ווי זיכער, אז איהר זייט אומגערעכט. דער פאראנג, אז די אינסטיטוציע זאל האלטען ארטיקלען צו פארקויפען, איז א גאנץ נאטירליכע. אויב אזוי, וואלט זי באדארפט מאכען ביי זיך א גאנצע סטאר. ווידער דאס, וואס דער דאקטאר האט אייך געגעבען אן אדרעס, וואו זיי צו קויפען, האט ער אייך דאך ניט געצוואונגען, אז איהר מוזט זיי קויפען נאר דארט. אייער פאראכט, אז ער מאכט דערפון א געשעפט, מאכט איהר גלאט אין דער וועלט אריין. האט איהר דען פרובירט אנצופרעגען וועגען דעם פרייז ערגעץ אנדערש און אויסגעפונען, אז איהר קענט זיי קויפען ביליגער? יעכעליכער פון אלץ איז דאס, וואס איהר מאנט פאר דער צייט, וואס איהר האט פארלארען, און וואס איהר שאצט איהר אויף 6 דאל. אבער, ליבער פריינד, עס נעמט א דאקטאר צייט צו אונטערזוכען א פאציענט. עס נעמט צייט אויף צו פאהרען היין און צוריק. איז, לויט אייער טענה, האט אייך די אינסטיטוציע בעדארפט אויסצאהלען פאר די פארלארענע צייט? וואס אנבאטרעפט אייער טענה פון "פרייער קריטיק", איז זי דאס מאל ניט אם פלאץ. קריטיק איז גוט און נויטיג, ווען זי איז באגרינדעט אויף פאקטען. אבער אין אייער פאל איז נאך קיין באשולדיגונג אייערע ניט פעסטגעשטעלט. דערפאר האבען מיר אייך געראטען פריהער נאכצופרעגען, און ערשט דאן, ווען איהר וואלט געווען זיכער, אז איהר מאכט ניט קיין אומזיסטע באשולדיגונגען, מאכען אן אנקלאגע. נאך עטוואס. די דאזיגע אינסטיטוציע איז ניט געגרינדעט געווארען פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל, בלויז פון איינצעלנע לאקאלס. און ביז איצט האבען מיר נאר געהערט גוטעס וועגען איהר, וואס זי טוט אויף.

ב. גאלוב. — די השגות זיינען אלריים. אונז געפעלען אבער ניט אייערע "ענטוישונגען". עס קען זיין, אז געוויסע די סאלידאריטעט פון פילע ארבייטער האט שטארק געהאלפען צו דער פארערגערונג פון דער לאגע. די ארבייטער מעגען ניט אריינפאלען אין "עקסטרימען": אדער איינרעדען זיך, אז זיי קענען אלעס, אלעס אויספיהרען אונטער די איצטיגע אומשטענדען, און דערפאר ציהען זיי אן די סטרונע צו שטארק; אדער אריינפאלען אין גאנץ יאוש, אז כמעט נאר און לאז זיך טרעטען מיט די פיס פון יעדען פאסקודניאק. דאס איז זעהר ניט ריכטיג. מעהר פון אלץ טאר דער ארבייטער ניט צולאזען דעם געדאנק, אז די יוניאן קען, נאר וויל ניט טאן פאר איהם. דאס איז א זעהר פאלשער און זעהר אויסבארעכענטער געדאנק. די יוניאן טרייט איטער איהר בעסט. נאר ניט אלע מאל איז זי בכח אויסצופיהרען דאס, וואס מיר אלע ווינשען. אייער בריוועל ווערט פארעפענטליכט.

איינער פון שאפ. — מיר קענען ניט צאהלען די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צו אייער בריף, ווייל איהר גיט ניט אן אייער נאמען. מיר וועלען דארום אויך ניט טאן דאס מינדעסטע אין דער אנגעלעגענהייט. מיר גלויבען פשוט ניט, אז א בריוועל, אונטער וועלכען דער שרייבער האט מורא אנצוגעבען זיין נאמען, זאל אנטהאלטען עטוואס אמת. אבער, ווען דאס אלעס וואלט געווען אמת, וואלט איהר דערמיט ניט באדארפט זיך ווענדען צו אונז, נאר צום מענעדזשער פון דזשאינט באארד. מיר מיינען ניט, איהר פערזענליך, נאר אייער לאקאל, וועלכער מוז זיכער וויסען וועגען דעם.

י. דזשייקאבסאן, לאקאל 9 — ערשטענס, כדי א זאך זאל קענען געמאכט ווערען ריכטיג און מיט דעם גרעסטען נוצען פאר די ארבייטער, קען עס ניט געמאכט ווערען אזוי שנעל. אפילו דאס, וואס איהר שלאגט פאר, קען אויך ניט געמאכט ווערען אין א מינוט. ניט אלע מאל איז גענוג דאס וועלען, מען דארף אויך קענען. פון רעכטווענען, כמעט מיר געפינען אייער קריטיק פאר ניט בארעכטיגט, און אויך רעכענען מיר ניט פון אייערע פארשלאגע אלס די ריכטיגע רפואה צו דער מכה. פון רעכטווענען פארעפענטליכען מיר אייער בריף, און האט ניט קיין טענות, אז מען קען ניט ריידען.

מעמבערס פון דער יוניאן. — אייער בריף צו פארעפענטליכען פארדינט ניט די מינדעסטע אכטונג, ווייל ער איז ניט אינטערעסאנט פאר די לעזער. דאס איז ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי א [illegible], וועלכער רעדט ניט פון קיין פאראנטווארטליכען באאמטען, און א מיטגליד שיין פון פארווערטס. געניסען ווערען און אנבאטרעפט — דאס איז די גאנצע געשיכטע. וואס איהר רעדערט, רעכנט איינציגאַרטיג ער רעדט זיין אז צוליב דעם פארפערט איהר זאגאר אנצוגעבען דעם נאמען פון שאפ. עס איז ריין, אז דאס גאנצע איז א פארזוך צו פארשוואַרצען דעם נאמען פון א גוטען מענשען. וואס טוט [illegible] מיט אייערע יוניאן־רייב, וואס רעדען האנדלען אזוי פיין, אלץ שרעכט, שעמען מיר [illegible].

ג. ר. — מיר האבען ראכט זיך אייך פערזענליך ערקלערט, אז איהר רעכט פון אונז ניט ערווארטען פיל, ווייל מיר האבען מעהר, וויפיל מיר נייטיגען זיך, פון דעם שטאף. מיר האבען אייך ערקלערט, אז מיר רעכנען ניט צוליב אייך ארויסצושיקען [illegible], וואס ארבייט שוין מיט אין דער צייטונג זייט יאהרען [illegible]. איבערגעבן די אומשטענדען האבען מיר אייך געראטען צו באנוצען זיך מיט אייגענעם ביי א גינסטיגער געלעגענהייט [illegible]. אזוי זיינען דאך אייערע טענות זעהר ניט גערעכטפערטיגט. און מיר זאגען אייך דעם אמת, עס פארדריסט אונז [illegible], און מיר האבען באשלאסען ניט צו מאכען קיין [illegible] פון דעם [illegible] אייערע רייזע האבען כמעט א שטיק בארעכטיגונג.

ב. פעלדמאן. — 1) מיר האבען נאך דערווייל ניט געהאט צייט צו זיין אין די אידישע טעאטער ווי פארשיידענע נייע פיעסען ווערען אויפגעפיהרט — דערפאר איז ביז איצט נאך ניט געווען וועגען זיי אין דער "גערעכטיגקייט". אין דער ווילבער צייט [illegible] מיר אייך דאנקען פאר דעם קאמפלימענט, וואס איהר גיט אונז, און [illegible] אונז ערווארט איהר אז עהרליכע רעדיטיר; 2) "יעקב'ס חלום" פון בער האפמאן וועט איהר געפינען איבערזעצט אין אידיש פון נפתלי גראס אין מאי נומער "צוקונפט". די איבערזעצונג איז א גאנץ גערונגענע, און די זאך אליין באטראכטען מיר פאר א זעהר, זעהר גוטע, מיר צווייפלען אבער זעהר שטארק, אויב זי קען מיט ע ר פ א ל ג אויפגעפיהרט ווערען אויף דער אידישער ביהנע, ווען מען האט אין זינען די דורכשניטליכען טעאטער־געהער און אויך אונזערע קינסטלער, מיט דער אויסנאם פון עטליכע עהלטע, וועלכע זיינען צושפרייט אין אונזערע פארשיידענע טעאטערס.

זרח. — מיר האבען שוין אפט ערקלערט, אז וואס ווייניגער מען וועט אריינברענגען אין די יוניאנס זייטיגע פראגען, אלץ געזינטער פאר די יוניאנס. דערפאר האבען מיר ניט געהאלטען פאר נויטיג צו זאגען אונזער ווארט איבער דעם פלאן פון שיקען א דעלעגאציע נאך פאלעסטינע. אבער אז איהר פרעגט אונז, מוזען מיר אייך זאגען, אז דער גאנצער פלאן זעהט אונז אויס צו זיין משוגע'דיג הילד. וואס וואלט אזא ארבייטער־דעלעגאציע אין פאלעסטינע געקענט אויסגעפינען? איבערצעהלען, צי עס זיינען טאקע דארט דא 16 טויזענט ארבייטער? גלויבען מיר די פאלעסטינער בריוושרייבער אויף'ן ווארט. טאמער זיינען דא מיט א פאר הונדערט מעהר אדער ווייניגער, זיינען מיר אויך מוחל. צי די ארבייטער אין פאלעסטינע געפינען זיך אין הילף? אודאי יא, דערצו דארף מען ניט קיין דעלעגאציע. צי זיי זיינען בארעכטיגט צו אונזער הילף? וואס פאר א פראגע? זיי נויטיגען זיך, און אויב די אמעריקאנער ארבייטער קענען זיי העלפען, איז עס געוויס זייער חוב. וואס נאך קען די דעלעגאציע טאן? אויסגעפינען, צי פאלעסטינא קען ווערען אמאל א פלאץ, וואו ארבייטער זאלען קענען מאכען א לעבען? דאס איז אן ארבייט פאר עקספערטען, און אויך די צוגעהן זיך זעהר שטארק אין זייערע מיינונגען, טו ווי קענען פשוט'ע ארבייטער קומען צו באשטימטע באשלוס וועגען דעם? דערפאר זעהט אונז אויס דער גאנצער געדאנק פון שיקען אונזערע ארבייטער "מרגלים" נאך פאלעסטינא זעהר ניט קיין דורכגעטראכטער. די הוצאות פון אזא דעלעגאציע נאך פאלעסטינא וואלטען געמוזט באטרעפען ניט ווייניגער, ווי עטליכע טויזענט דאלאר. וואלט דארום ניט געווען פיל גלייכער צו נעהמען דאס געלט און אפשיקען צו די דארטיגע נויטבאדערפטיגע ארבייטער? דאס וואלט געווען אי מעהר מצוה, אי מעהר שכל. דאס, וואס מיר זאגען דא, האט ניט די מינדעסטע שייכות מיט דעם, וואס מיר דענקען וועגען דעם ציוניסטישען פלאן אין אלגעמיין. אנגענומען, אז מיר וואלטען געווען פלאמפייער פאר'ן ציוניזם, וואלטען מיר ערשט רעכט געווען געגען דעם גאנצען פלאן, ווייל דער פלאן קען פון קיין שטאנדפונקט ניט פארטיידיגט ווערען.

אפרים סילווער. — 1) צו וואס מיר דארפען דעם קאלענדאר, וועלכער דערמאנט אונז אן דאס, וואס איז געווען יעדע וואך מיט 12 יאהר צוריק? וועל, אונז דוכט זיך, אז דער קאלענדאר רעדט פאר זיך אליין. ווען איהר פארגלייכט די פאסירונגען, די פראגען, די קעמפע פון יענער צייט מיט די, פון דער איצטיגער צייט, קענט איהר גאנץ גוט זעהן, וואס פאר א שטיק וועג מיר זיינען אפגעגאנגען. למשל, מיט 12 יאהר צוריק האבען אונזערע ארבייטער געקעמפט פאר א 54 שטונדיגע ארבייטס־וואך. איצט זעהט עס אויס ווי א חלום. אדער: "די קליוולענדער פעדערייש טעקסט איהר יעדען מיטגליד מיט 10 סענט א וואך פאר די סטרייקענדע קלאוקמאכער אין קליוולאנד". וואס לערנט איהר דערפון? אז די אמעריקאנער פעדערייש אוו לייבער, אדער, ריכטיגער, די אמעריקאנער ארבייטערבאוועגונג האט א גאנץ גרויסע חלק אין דעם וואקסען און געדייען פון אונזערע יוניאנס און דאס מיר זיינען גאנץ נאהענט מחותנים מיט דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער־באוועגונג. מענשען, וועלכע זיינען צוזאמען מיט דער יוניאן אויפגעוואקסען, ווייסען עס גאנץ גוט, אבער עס זיינען צוגעקומען זייט דאן פיל נייע מענשען, פאר וועלכע די געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל איז אומבאקאנט. איז עס פאר זיי דער ווערטפולער קאלענדאר א זעהר נויטיגע זאך. דערפאר האט אויך די לעצטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל אין קליוולאנד באשלאסען ארויסצוגעבען צו דער נעקסטער קאנווענשאן א גרינדליכע געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל, וועלכע ווערט איצט פארטיג געמאכט פון דר. ל. לעווין. זי וועט געוויס זיין פון דעם העכסטען נוצען און אינטערעס פאר פילע אונזערע מעמבערס, וועלכע ניט קענענדיג די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל, קענען זי פיעלס ניט באגרייפען. אבער דאס שאדט ניט. אפילו ווען די געשיכטע וועט שוין זיין ארויסגעגעבען, צו געבען יעדע וואך דעם קאלענדאר. געדענקט דעם כלל, אז קיינער קען גרינדליך ניט אפשאצען די געגענווארט, ווען די פארגאנגענהייט איז איהם אין גאנצען פרעמד. דערפאר איז די געשיכטע פון א פאלק, פון א לאנד, פון דער וועלט פון אזא גרויסען אינטערעס און וויכטיגקייט פאר יעדען דענקענדען מענשען. געוויס איז א קאלענדאר ניט קיין געשיכטע, אבער בעסער אביסעל ווי גאר ניט. דעריבער פארנעמט עס דאך אזוי ווייניג פלאץ! 2) ניט אלע פעליעטאנען, ניט אלע ארטיקלען פון איין און דעמזעלבען שרייבער קענען זיין גלייך געראטענע. האט אין זינען, אז א שרייבער איז ניט קיין מאשין, און אז זיין שאפען הענגט אפ פון פילע אומשטענדען. פיהלט ער זיך גוט אויפגעלייגט, שרייבט זיך בעסער. ניט אזוי גוט, קומט שוין אויס ניט אזוי גוט. און אמאל פיהלט ער זיך נאך שלעכט, קומט שוין ארויס די זאך זעהר ניט געראטען. איז דאס ניט אזוי דער פאל מיט א בעל מלאכה? איהר וועט זאגען, אז ווען ער פיהלט זיך ניט גוט, טו זאל ער ניט שרייבען. אבער איהר מוזט האבען אין זינען, אז אפט נויטיגט ער זיך אין די פאר דאלאר, וואס ער קריגט. אפט פיהלט ער זיך פשוט פארפליכטעט צוצושטעלען דער צייטונג דעם באשטעלטען ארטיקעל. בקיצור, עס איז אוממעגליך צו ערווארטען אפילו פון דעם בעסטען שרייבער אלע מאל העכסט־געלונגענע זאכען.

ב. פינקעל. — גאנץ ריכטיג. די לעצטע צוויי נומערען פון "גערעכטיגקייט" האבען באזונדערס שטארק געליטען פון גרייזען, ווייל דער זעצער, וואס שטעלט געוועהנליך צוזאמען די צייטונג, האט געהאט זיין וואקיישאן, און אן אנדער זעצער, נאטירליך, ווייניגער קאמפעטענט, האט געמוזט פארנעהמען זיין פלאץ. אין דעם נאטיץ וועגען יאפאן אין "קורץ און שארף" האט די לעצטע שורה, וועלכע איז פארביטען געווארען מיט א גאנץ פרעמדע, געזאלט זיין: "ווייל קיין מעהר זיכערען פלאץ קען דער מענש דאך ניט געפינען". איבעריגנס האט איינער געקאנט זיך אנשטויסען פון דעם גאנצען איינהאלט אויף דעם געדאנק. און אז עס האלט שוין דערביי, דארף אויך צוגעלייגט ווערען, אז שלעכט, ווי די ערד פיהרט זיך אויף פון צייט צו צייט, דארף אין די מערסטע פעלע האנדלען זי דאך מאכען אמת מוטערליך מיט איהרע מענשען־קינדער. אזוי, דאס דעם נאמען "מוטער־ערד" איז א מיט רעכט פארדינטער. דערצו מוז נאך גענומען ווערען אין אינבאטראכט, אז מיט אלע איהרע קאפריזען האט די מוטער ערד דאך ניט אפגעווישט די מענשליכע ראסע פון דער ערד. פארקערט, זי האט זיך אין איין פארמעהרען. און אט אין יאפאן גופא וועט שוין דער צווייטער אדער דער דריטער דור האבען נאר פארגעסען אן דעם שרעקליכען אומגליק. עס איז דא נאך א פונקט, וואס פארדינט אייניגע באטראכטונג, פאר א מאמענט. ווען ניט די ערד־ציטערניש, ווער ווייס, אויב ניט נאר אין דער נאהנטער צוקונפט וואלט יאפאן זיך ניט פארקריגט מיט וועמען פון די פעלקער, און פארפיהרט א גרויסע מלחמה, אין וועלכע פיל מעהר מענשען וואלטען אומגעקומען, ווי איצט. העכסט ווארשיינליך וועט די דאזיגע ערד־ציטערניש פיהרען דערצו, אז יאפאן זאל ניט קענען טראכטען פון פיהרען מלחמה פאר די נעקסטע 50 יאהר, און דאס איז שוין א שטיקעל באגיטיגונג. עס קען אויך זיין, אז א דאנק דער מאמענטאנער אפשוואכונג פון יאפאן וועלען פילע פעלקער, אויף וועמען יאפאן האט ארויפגעלייגט איהר שקלאפען־יאך, ווי למשל, אויף קארעא, קריגען די מעגליכקייט צו געווינען זייער פרייהייט און אומאפהענגיגקייט. איהר זעהט, אז אויך אין דעם אומגליק קען מען געפינען עטוואס גוטעס. נאטירליך, די ערד האט דערביי קיין כונה ניט געהאט, ניט צום גוטען און ניט צום שלעכטען. די נאטור איז בלינד, און דערפאר האט עס א קנאפען זין צו שילטען אדער צו בענשען איהר. די צרה איז נאר, וואס דער מענש טוט אפט אפ אזעלכע שטיק, וועלכע זיינען ניט ווייניגער ערגער, ווי דאס, וואס די נאטור טוט אונז אמאל אפ. און פאר איהם קען מען ניט גילטען דער זכות, דאס ער איז בלינד, דאס ער ווייס ניט, וואס ער טוט.

שאמער קאנצערט מענעדזשמענט

דעפארטמענט פון דער אידישע פאבליסיטי ביורא.

ארגאנזירט און באזארגט אינסטיטוציעס, פאראיינען, יוניאנס, שולען, ארגאניזאציעס, לאדזשעס, סאסייעטיס, תלמוד תורה'ס מיט ארטיסטען און מוזיקאלישע אטראקשאנס פאר קאנצערטען און אונטערנעמונגען אין ניו יארק און אנדערע שטעט.

די פאלגענדע ארטיסטען קענען אנגאזשירט ווערען:

מישא עלמאן, בראניסלאוו הובערמאן, מישא לעוויצקי, ראזא ראיסא, יאסעלע ראזענבלאט, י. ווינאגראדאף, ד. יארמאלאווסקי, מאדאם שאמער־ראטענבערג, נינא קאשעץ, מרס. סאקאלסקי־פריד, דזשאזעף טשערניאווסקי, אברהם זנאאידא, און אנדערע.

לשנה טובה תכתבו

א יאהר פון גליק און הצלחה ווינשען מיר אלע אונזערע פריינט אין אמעריקא און אין אנדערע טיילען פון דער וועלט. מיר האפען דאס עס וועט אונז ווידער מעגליך זיין אין קומענדיגען יאהר ווי אין די פריהערדיגע יאהרען, פיל בייצוטראגען צו דער אינדוסטריעלער און עקאנאמישער ענטוויקלונג פון אידישען פאלק דורך די אונערשעפליכע מעגליכקייטען פון אונזער אלוועלטליכע ארגאניזאציע.

AMERICAN EXPRESS COMPANY

65 BROADWAY, NEW YORK CITY

פרעסער

מיר בעטען אייך, אז איהר זאָלט לייענען דיזען לעטער מיט אָפענע אויגען, ווארים מיר ווילען פאַרהיטען אייער געזונט.

איהר זאָלט וויסען, דאָס די ווייער־ברעטלאך צו פרעסען וועלוועט און ביליווייע וואָס מיר האָבען ביז יעצט געמאַכט פאַר די שעפער, זיינען געמאַכט געוואָרען אזוי, דאָס ווען די מאַשינען זעצען אריין די ווייער באַגיסט מען מיט א סך צעמענט און מען קלעפּט צו מיט א לייוונט, אום די ווייער זאָל ניט ארויס־קריכען צוריק.

דיזער צעמענט איז געמאַכט פון א ברענענדע שטאָף וואָס באַזיצט זעהר א שווערען גערוך, און ווען איהר פּרעסט דאָס מיט וואַסער און מיט הייסען אייזען, געהט אייך אריין דער גערוך אין הארצען, וואָס דאָס קען זיין שעדליך.

זאָגאר פילע ארבייטער פון אונזער שאָפּ האָבען זיך באַקלאָגט אויף א הארץ־שוואַכקייט. אן אונטערזוכונג פון א דאָקטאָר האָט געצייגט, דאָס די שטאַרקייט פון דעם צעמענט שאַדט דאָס הארץ און די אויגען. אונזערע ארבייטער רופען דאָס אן „קאָנסאַמפּשאָן־ברעטלאך".

מיר האָבען די לעצטע צייט גענומען ציקלאָפּען די ווייער־ברעטלאך אויף פּראָסטע שטיקער האָלץ. נאָר יעדע האָלץ האָט אין זיך א געוויסע צאָהל פּעך, און ווען איהר צעוואָרימט די צעמענט פון דער ווייער־ברעטעל און די האָלץ, איז דער גערוך זעהר שעדליך פאַר אייער געזונט! מיר האָבען געאָפּפערט שווערע געלט צו מעכאַניקער זיי זאָלען געפינען א מיטעל צו מאַכען א ווייער־ברעטעל אָהן צעמענט און אָהן האָלץ, אָבער עס איז געווען זעהר שווער אויסצואַרבייטען.

אָבער יעצט קענען מיר אייך אָנזאָגען א גרויסע שמחה, דאָס מיר האָבען יעצט באַקומען א נייעם פּעטענט אויף א ווייער־ברעטעל, וואָס קיין צעמענט און קיין האָלץ ווערט ניט געברויכט דערצו — מיר האָבען ערפונדען אזא סאָרט לייוונט, וואָס איז געמאַכט פון קופּער, און מיר האָבען איינגעפיקסט מאַשינען, וואָס טשעפּען־צו די ווייער ברעטעל צו די קופּער־לייוונט און עס קומט ארויס גוט און ציכטיג — א געזונט אין הארצען!

די ווייער־ברעטלאך זיינען ווייך און מען קען זיי בויגען ווי מען וויל, און די גרעסטע סייז ווענט נאָר 2 פונט אנשטאָט וואָס די שטיקער האָלץ ווענען 16 פונט. איהר וועט באַוואונדערען די צופרידענהייט פון אונזער נייעם פּעטענט, וועלכער איז א וואונדער פון דער צייט, און דערצו איז דאָס אזוי שטאַרק, דאָס עס קען איבערלעבען 10 ברעטלאך פון דעם אַלטען סטייל. מיר געבען אייך אן עצה — וואַרפט אראָפּ פון אייער אַרבייטס־טיש די שווערע הילצערנע ברעטער. וואַרפט אויך אראָפּ די שמוציגע, פאַרפּעכטע לייוונט, וועלכע עס קלעפּט אין האַנד צו נעמען. שרייט אין איין קול: „נידער מיט די האָלץ! נידער מיט די נעפּעכטע לייוונט!"

אויב מען דאַרף ביי אייך אין שאָפּ א ווייער־ברעטעל צו פרעסען וועלוועט, פּלאַש אָדער ביליווייע, קויפט אונזער נייעם פּעטענט די קופּערנע־לייוונט.

מיר לאַדען איין אַלע פּרעסער און דעזיינערס, ווי אויך אייערע באָסעס, זיי זאָלען קומען זעהען אונזער נייעם וואונדערבאַרען פּעטענט ווייער־ברעטעל, וועלכער וועט זיין א געזונט אין הארצען דעם פּרעסער, און געזונט אין פּאַקעט אייער באָס, וויל עס קאָסט ניט טייערער פון די אַלטע שמאַטעס.

עס איז אנערקענט געוואָרען אין די גרעסטע שעפּער פון ניו יאָרק פאַר די בעסטע ברעטלאך, וואָס איז ווען געווען.

צו באַקומען ביי די אַמעריקען פּלאַש אין וועלוועט פּרעסבאָרד קאָמפּאַני, 123 פינפטע עוועניו, ניו יאָרק. טעלעפאָן אשלאַנד 2220.

ביטע פריינדליך, גיט דיזען לעטער צו אייער באָס.

ארזו.

שאָמער'ס קאָנצערט מענעדזשמענט.

די אידישע פּאַבליסיטי ביוראָ, וואָס האָט אין פאַרלויף פון די לעצטע פאַר יאָהר אזוי ערפאָלגרייך ענטוויקעלט איהר טעטיגקייט אויפ'ן פעלד פון פּובליסיטי און אדווערטייזינג און איז אנערקענט געוואָרען פאַר איהר גוטע און טיכטיגע ארבייט, פאַר איהר פּינקטליכקייט און ראַיעלע באַהאַנדלונג האָט איצט איינגעפיהרט א נייע אָפּטיילונג וואָס וועט זיכער ארויסרופען ניט ווייניגער אינטערעס ווי די ביז איצטיגע אָפּטיילונגען.

די נייע אָפּטיילונג רופט זיך „שאָמער'ס קאָנצערט מענעדזשמענט" און באַשטעהט אין דעם וואָס זי וועט אראַנזשירען און באַזאָרגען אינסטיטוציעס, פאַראיינען, שולען, אָרגאַניזאַציעס, לאָדזשעס, באַזייערטע און טעאַטער־טרופּעס מיט ארטיסטען און פּייערליכע אָנטרעטענס פאַר קאָנצערטען און אונטערהאַלטונגען אין ניו יאָרק און אנדערע שטעדט אויסער ניו יאָרק.

צוליב דעם צוועק האָט זיך „שאָמער'ס קאָנצערט מענעדזשמענט" פאַרבונדען מיט די גרעסטע אַרטיסטען און פּייערע פון ניו יאָרק און איז בכח פון איצט אָן צו אַראַנזשירען קאָנצערטען אויף א בילע פון 850 ביז $1,000.

אלע בריוו זעגען דעם ענין דאַרפען געשריבען ווערען אויף דעם אדרעס פון דער אידישער פּאַבליסיטי ביוראָ, 190 סעקאָנד עוועניו, פאַר „שאָמער'ס קאָנצערט מענעדזשמענט". טעלעפאָן סטייוועסאַנט 7008.

לשנה טובה תכתבו

מיר שיקען אונזער נייאהר ברכה —
און מיר ווינשען גרויס הצלחה —
צו אלע וואָס ווילען געניסען פון לעבען,
און פאַרערען די גראָסערס זאָלען די געבען:

קאָלאָמביא טהעע,
צוויטאָטשני טשאַי,
ווהייט ליילאַק טהעע,
ווהייט ליילאַק קאַקאָ,
קאָלאָמביאַ קאָפע.

זייט אַלע געבענשט, האָט הנאה פון דער וועלט!
קויפט גוטע טהעע פאַר אייער געלט!
און ווען איהר האָלט ביי קאַקאָ זוכט קיין מציאות!
ווהייט ליילאַק קאַקאָ איז ווירקליך א חיות!

מיט גרויס דרך ארץ,

סעם זעכנאָוויץ,

185 דיוויזשאָן סט., ניו יאָרק.



אויגען עקזאַמינירט מיט די נייעסטע אינסטרומענטען —

אין דר. בעקער'ס אָפּטיקעל אָפּיסעס נעהמט מען ניט קיין טשענסעס. דערפאַר איז עס זיכער, אז דר. בעקער'ס ברילען זיינען אן אמת'ע הילף פאַרן אויג: זיי פאַרשטאַרקען די זעה־קראַפט און באַפרייען דאָס אויג פון אָנשטרענגונג.

אלע ארבייטען ווערען געמאַכט אונטער דר. בעקער'ס פּערזענליכער אויפזיכט, מיט דער גרעסטער פאַרזיכטיגקייט.

מאַנהעטען:
213 איסט בראָדוויי — 2313 זיבעטע עוו.
131 סעקאָנד עוו. (קאָר. 8טע סט.) — (צווישען 135טע און 136טע סט.)
111 איסט 23טע סט. (נעבען 4טע עוו.) — 100 לענאָקס עוועניו

בראָנקס:
895 פּראָספּעקט עוו — 262 איסט פאָרדהאָם ראָוד

ברוקלין:
1709 פּיטקין עוועניו.

DR. BARNETT L. BECKER
OPTOMETRIST — OPTICIAN

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פאַרלאַנגט

א גוטע פּראָפעסיאָן פאַר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאַר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א באַלדיגע פּאָזישאָן און א גרויסע געהאַלט.

די מיטשעל סקהאָל און גאַרמענט דעזיינינג, פּעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאַר פרויען קליידער. עטאַבלירט איבער 50 יאָהר מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.

נייע אידעען
נייע סיסטעמען
בעסטע מעטאָדען
בעסטע רעזולטאַטען

פּריוואַט אונטערריכט. טאָג און אָווענט קלאַסען. גוטע באַדינגונגען. שרייבט, טעלעפאָנירט אדער קומט פאַר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפאָרמאַציאָן.

פרייע דעמאָנסטריישאָן אין אונזער סקול.

אָווענט קלאַסען: מאָנטאָג, מיטוואָך און פרייטאָג

MITCHELL DESIGNING SCHOOL
15 WEST 37th STREET, NEW YORK
Phone: Fitz Roy 1674

THE ROGIN
VEGETARIAN RESTAURANT
Pure and Wholesome Food
No can goods served.
Open day and evening.
29 St. Marks Pl., New York

קויפט אויסשליסליך
קאָלאָמביא טהעע
צוועטאָטשני טשאַי
ווהייט לילי טהעע

די טומעל-מאכער פון לאקאל איינס ברעכען אפ א יוניאן-מיטינג.

(שלוס פון זייט 1)

אין די שעפער; וועגען דעם אז רע-פרייז פאר נייע ארבייטער אין א שאפ זאל באשטימט ווערען פון דער יוניאן; וועגען א רעוויזיע איבער אלע יוניאן-עמטער און זעהן, צי עס דארפען גע-מאכט ווערען ענדערונגען; וועגען אפ-טע מיטינגען פון שאפ-טשערמייטע; וועגען מאסמיטינגען צו באקענען די ארבייטער מיט נייע פאדערונגען, וועל-כע מען זאל ארויסשטעלען צו די מא-ניפעקטשורערס, און וועגען דעם, אז איינע פון די פאדערונגען זאל זיין א לייבאר ביורא מיט אן ארבייטסלאזען פאנד.

דער מיטינג איז איינגערופען גע-ווארען צו באשפרעכען די דערמאנטע פראגען, לויט א באשלוס פון א פרי-הערדיגען מעמבער-מיטינג פון דעם לא-קאל.

צו דעם מיטינג איז אויך איינגעלא-דען געווארען ברודער מאטיס זיגמאן, דער פרעזידענט פון אונזער אינטער-נעשאנאל. ער האט געזאלט ביי דעם מיטינג באריכטען פון די פארהאנדלונ-גען וואס זיינען לעצטענס אנגעגאנגען צווישען דער יוניאן, די סאב-מאנופעק-טשורערס און די דזשאבערס, און אויך אנווייזען וואס פאר א ווירקונג די רע-זולטאטען פון די פארהאנדלונגען קא-נען האבען אויף די קאנדישאנס אין טרייד.

א חוץ דעם האט דער לאקאל געהאט אנצואווייזען א רייע רעקאמענדיי-שאנס, וואס ער האט צוגעשטעלט צום דזשאינט באארד פון דער יוניאן און דער דזשאינט באארד האט עס אנגענו-מען, און די עקזעקוטיוו פון לאקאל 1 האט עס געוואלט באקאנט מאכען צו די מעמבערס.

דער טאגעסארדנונג פון דעם מי-טינג איז, אלזא, געווען באשטימט פון א פריהערדיגען דזשענעראל מעמבער-מיטינג. אבער איידער מען איז צו-געקומען צום טאגעס-ארדנונג, איז דער מיטינג צושטערט געווארען, איז דער מיטינג אפגעבראכען געווארען. עס האט זיך צונויפגענומען א גאנצע כאפ-טע גאר ניט קיין זויבערע טיפען, וועל-כע פארשוינען, וואס זיינען פריהער גע-פונען געווארען שולדיג פאר שלעכטען אויפפיהרען זיך אין דער יוניאן, אין זיינען באשטראפט געווארען פאר זייער שלעכטען, ניט יוניאן-מעסיגען אויפפי-רען זיך, און אט די כאפטע האט זיך געשטעלט אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם ערטש-רעמאנאג פון לאקאל 1, דעם באוואוסטען טומעלמאכער, מ. רו-בין, וועלכע זוכט צו מאכען טראבעל אין דער יוניאן ווען ער קאן נאר, צוליב זיינע פערזענליכע אלטע חשבונות.

נאטירליך האט די כאפטע אויך גע-האט די מיטהילף פון די זאגענאנטע לינקע פון די „קאמוניסטען“, און זיי אלע צוזאמען האבען ניט געלאזען אנ-געהן מיט דעם מיטינג, האבען ניט גע-לאזען אנגעהן מיט דער טאגעס-ארד-נונג, מיט די פראגען וואס דער מיטינג האט געזאלט אויפנעמען צו פארהאנד-לען. גלייך ווי דער טשערמאן פון לא-קאל, ברודער ל. ליווי, האט דעם מי-טינג געעפענט, האבען די שטערער אנ-געהויבען טומלען, אז פריהער פון אלץ זאל מען פארהאנדלען דעם צושריפט פון דער אינטערנעשאנאל, וואס ווארנט די לאקאלס געגען די קאמוניסטישע אפאזישאן יוניאנלאך, די זאגענאנטע „עדיוקיישאנאל ליג“. דער טשערמאן האט ערקלערט, אז די פראגע דארף, לויט אלע רולס פון לאקאל, פריהער אויפגענומען ווערען פון דער עקזעקו-טיווע, און אז דער איצטיגער מיטינג איז ספעציעל גערופען געווארען לויט א באשלוס פון א פריהערדיגען מעמבער-מיטינג וועגען די פראגען פון טרייד און וועגען דער לאגע פון די ארבייטער אין די שעפער. ער האט פארגעלייגט אז וועגען דעם צושריפט מכוח דער „עד-יוקיישאנאל ליג“ זאל מען רופען א ספע-ציעל מיטינג אויף נעקסטע וואך.

דאס האט אבער ניט געהאלפען. די טומלער האבען געטומעלט פון האלב נאך זיבען ביז נאך צעהן אזייגער ביי-נאכט. און דער טשערמאן האט געמוזט דעם מיטינג שליסען.

עס פרעגט זיך, אלזא, ווי לאנג קאן א יוניאן דולדען די אומגעזעצליכע אויפפיהרונג פון אזעלכע פארשוינען? ווי לאנג איז דער שיער צו לאזען אזעל-כע אינערליכע שונאים פון דער יוניאן קאמאנדעווען אומבאשטראפט? ווארום זאלען אזעלכע חברה-ליים, וואס ברע-כען אפ א מיטינג אויף אן אומגעזעצ-ליכען אופן, גלייך ניט גערופען ווערען צו פאראנטווארטליכקייט? אזעלכע לייטע דארף מען מאכען פיהלען, אז איידער זיי וועלען „באקומען די מאכט“, צו וואס זיי רייסען זיך אזוי, איז נאך דערווייל ניט אלץ הפקר פעטרושקע! מען דארף זיי לאזען פיהלען, אז דער-ווייל זיינען זיי נאך אונטערווארפען די הערשאפט פון דער יוניאן און זיי מוזען זיך אויפפיהרען ווי אנשטענדיגע יוניאן-לייט.

בריף פון פוילען

(שלוס פון זייט 11.)

שיקארסקי'ס צייטען אויסגעארבייט א רייהע געזעץ-פראיעקטען, וועלכע האבען געצילט אריינצופיהרען גרעסערע דירעקטע שטייערען פון די רייכע און באזיצענדע קלאסען. ווען ער האט זיך ביי דער נייער רעגירונג גענומען די פראיעקטען פאר-ווירקליכען אין לעבען האט מען איהם גלייך מישלח געווען אויף אפצורוהען זיך. אויף זיין ארט האט מען אוועקגעזעצט אנ'אנ-דערען באאמטען, וועלכער וועט זיין מעהר געהארכזאם. זיינע פראיעקטען ווערען איצט טאקע אין סיים אזוי ארומגעשניטען אז ס'וועט פון זיי קיין זכר ניט בלייבען.

די קאפיטאליסטען, פריצים, באנקירען וועלען ווייטער קיין שטייערען ניט צאלען.

דער רעזולטאט דערפון איז, אז די פוי-לישע פינאנסען, וועלכע זיינען שטענ-דיג געווען אין א קאטאסטראפאלען צו-שטאנד, זיינען איצט נאך ערגער געווארען.

ווען וויטאס האט געשאפען זיין מי-ניסטארען קאבינעט האט מען פאר א דא-לאר געגעבען 50 טויזענד מארק. איצט — 6—8 וואכען שפעטער, איז ער שוין דער-גאנגען צו העכער 200 טויזענד מארק.

צוגלייך מיט דעם זיינען געשטיגען די פרייזען פון אלע לעבענס-מיטעל פרא-דוקטען. דער יקרות האט אנגעהויבען וואקסען מיט א אומגעהויערע שנעלקייט נאכיאגענדיג דעם דאלאר. די פרייזען פון ברויט, זעמעל, פוטער, אייער, פלייש, א. ד. ג. זיינען געשטיגען פון טאג צו טאג. א לעבעל ברויט, וואס האט צום אנהויב פון וויטאס'עס רעגירונג געקאסט 2,900 מארק קאסט שוין איצט 8,500 מארק.

פארשטענדליך, אז אמשטארקסטען ליידען דערפון די ארבייטער, אנגעשטעל-טע און באאמטע, וועלכע האבען זייערע שטענדיגע, פיקסירטע לוינען אין מארקען.

ווען אין פארלויף פון חודש זיינען די פרייזען פון אלע ארטיקלען געווארען 3—4 מאל גרעסער איז דאך קלאר, אז די ארבייטער וועלכע האבען פריהער אויך קוים געקענט אויסקומען מיט זייערע קלעג-ליכע לוינען איז נאך ערגער געווארען. זיי האבען אנגעהויבען, אין א קאטעגארישע פארם, צו פאדערען העכערע שכירות. גע-

יוניאן-לייט לויט די קאנסטיטוציע פון דער ארגאניזאציע.

פאדערט האבען אלע: באן און בערג-ארבייטער, מעטאל, טעקסטיל, האלץ, בוי-ארבייטער, האנדעלס-אנגעשטעלטע, רע-גירונגס און פריוואטע באאמטע. די פא-דערונג איז באמת געווען אן אלגעמיינע.

די פאבריקאנטען און אנדערע אונ-טערנעמער האבען קיין לוין-העכערונגען איינגאנצען ניט געוואלט געבען, אדער גע-געבען אין אזא קליינע מאס, אז ס'האט געמאכט דעם איינדרוק פון חוזק. זיי, די פאבריקאנטען, האבען זיך ניט געוואלט שיידען מיט זייערע פעטע מלחמה רווחים און גלייכצייטיג מיט'ן פארקלענערען זיי-ער פראדוקציע געוואלט צווינגען די רע-גירונג ווייטער צו געבען זיי אומזיסטע קרעדיטען אין דער פוילישער וואליוטע.

אין לאנד האט זיך אנגעהויבען א רי-זיקע סטרייק-כוואליע.

צום אנהויב האט די רעגירונג געוואלט די גאנצע באוועגונג דערטרינקען אין בלוט. אין לאדז און אין טשענסטאכאוו, 2 גרוי-סע ארבייטער צענטערן, האט די פאליציי פרובירט זיך אריינמישען און שטערען די מיטינגען פון די שטרייקענדע. ס'איז דער-גאנגען צו געשלעגעריי און שיסעריי. עס זיינען געפאלען ארבייטער קרבנות, עס זיינען געווען גע'הרג'עטע און פארוואונ-דעטע.

אלס פראטעסט געגען דער פאליציי און רעגירונג איז אין די אויבענדערמאנ-טע שטעט ערקלערט געווארען א אלגעמיי-נער סטרייק. ס'האט געהאלטען ביי דעם, אז איינגאנצען לאנד זאל אויסברעכען אנ'-אלגעמיינער פראטעסט-סטרייק.

די רעגירונג האט זיך דערשראקען און אויסגעאיבט איהר דרוק אויף די טעקסטיל און מעטאל פאבריקאנטען, די 2 וויכ-טיגסטע אינדוסטריע צווייגען, אז זיי זא-לען, וואס שנעלער ליקווידירען זייערע סטרייקען. ביי דער אנוועזנהייט פון ארבייטס-מיניסטער זיינען די סטרייקען מיט א קאמפראמיס פון ביידע צדדים ליק-ווידירט געווארען. אין אנדערע פאכען, ווי צום ביישפיל, האלץ און בוי איז דער סטרייק נאך ניט פארענדיגט. די סטרייק-כוואליע איז שוין אבער אפגעשוואכט. דער יקרות דאגעגען וואקסט כסדר.

לויט די אפיציעלע רעגירונגס-ציפערן, וועלכע זיינען זעהר ווייט פון אמת, איז אין חודש יוני דער יקרות געשטיגען אויף העכער 48 פראצענט און אין יולי איז ווי-טער צוגעקומען 57 פראצענט. פאקטיש איז דער יקרות פיל מעהר געוואקסען, ווי ס'ווייזען די רעגירונגס ציפערן און ער האט זיך נאך אלץ נישט אפגעשטעלט.

דער דאלאר ווערט פון טאג צו טאג טייערער. מיט איהם צוזאמען ווערען טיי-ערער אלע געברויכס ארטיקלען. ווייטער-דיגע פאדערונגען פון לוין-העכערונגען און סטרייקען וועלען אומבאדינגט פארקומען.

ס'איז דעריבער, ביי די איצטיגע בא-דינגונגען און פארהעלטנישען, נישטא קיין האפנונג, אז דאס לאנד זאל זיך אזוי שנעל בארוהיגען און פיהרען א פארהעלט-נישמעסיג נארמאלען לעבען.

טעלעפאן גרעמערסי 2441

די לעאנארד פרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יארק

פילאדעלפיער לעזער פון „גערעכטיגקייט“

דר. א. פינקעלשטיין

דענטיסט

געוועזענער מעמבער פון לאקאל 53
האט איצט זיין אפיס אין
2545 סויטה בראד סטריט
א מאדערנער, וויסענשאפטליכער קאבינעט
ספעציעלע פרייזען פאר יוניאן-לייט

אינשורענס
פאר
קלאוקמאכער

לעבענס פארזיכערונג
20 יאהר ענדאומענט
20 יאהר פיימענט

סאול מעטץ

איצט מיט דער
ניו יארק לייף אינשורענס קאמפאניע
110 איסט 23טע סטריט
טעלעפאן: גראמערסי 4224.
הויז אדרעס: 2008 דיילי עווע., בראנקס, טעל.: פארדאם 7619.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. V. No. 38. New York, Friday, September 21, 1923. פרייטאג, 21טען סעפטעמבער, 1923 PRICE 3 CENTS

אינטערנייִשאנאל באַנייט דעם אָרגאַניזאַציאָנס־קאַמפּיין אין פילאַדעלפיא

די וויסט און דרעסמאכער יוניאן מאכט א הויז־צו־הויז קענוועס. — א לעבעדיגע טעטיקייט ביי די פריוואַט־דרעסמאכער. — קלאוקמאַכער דזשאָינט באָארד נעמט זיך העלפען אָרגאניזירען די ליידיס טיילאָרס. — פרעזידענט זיגמאן אויף אַן עקזעקוטיוו באָארד מיטינג פון לאָקאל 15.

אין פילאדעלפיא פאנגט זיך ווידער אָן א אינטערנייִשאָנאל אָרגאניזאציאָנס־קאמפיין, וועלכער וועט מיט א נייער פרישקייט געפיהרט ווערען אויף אייניגע ליינס, צו אָרגאניזירען די ארבייטער וואָס זיינען באשעפטיגט אין דער ליידיס גארמענט אינדוסטריע, און שטעהען אוועק פון די יוניאָנס אין זייער פאך.

וועגען דער אנגעלעגענהייט איז פרעזידענט זיגמאן לעצטע וואך געווען אין פילאדעלפיא, און האט זיך דורכגערעדט וועגען דעם מיט די בעאמטע און טעטיגע מיטגלידער פון די לאָקאלס פון אונזער אינטערנעשאנאל אין פילאדעלפיא.

מיטוואך אווענט איז ער געווען ביי א ספעציאל מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון די וויסט און דרעסמאכער יוניאָן, לאָקאל 15. אויף דעם מיטינג האט ער פארגעלייגט געוויסע פּלענער, ווי אזוי עס זאל ווידער אמאל אָנגעפירט ווערען א מיכטיגער אָרגאניזאציאָנס קאמפיין צווישען די וויסט און דרעסמאכער, וואס שטעהען נאך אלץ אוועק פון דער יוניאָן. דורכ'ן לעצטען גענעראל סטרייק אין דעם פאך איז לאָקאל 15 געווארען א שטארקע יוניאָן, האבענדיג איבער צוויי טויזענט מיטגלידער, אבער דאס זיינען ווייט ניט אלע ארבייטער פון דעם טרייד. די יוניאָן וועט זיך איצט מיכטיג נעמען ארייננצוקריגען די אנדערע ארבייטער פון דעם פאך וואס זיינען נאך אין דרויסען.

די פלענער וואס פרעזידענט זיגמאן האט פארגעלייגט פאר דעם עקזעקוטיוו באארד זיינען איינשטימיג אנגענומען געווארען. שוין די וואך פאנגט אן די יוניאן דעם קאמפיין דורך ליפלעטס און מיטינגען. עס וועט אויך געמאכט ווערען א הויז־צו־הויז קענוועס פון די ניט־

(שלוס אויף זייט 16.)

לאָקאל 90 זוכט צו באַנייען דעם אַגרימענט אויף אַ פרידליכען אופן

אויב דאס וועט ניט געהן איז די יוניאָן גרייט צום קאמף!

ווי עס איז שוין געווען געמעלדעט אין דער „גערעכטיגקייט", איז דעם ערשטען סעפטעמבער אויסגעגאנגען דער אגרימענט צווישען די קאסטאם דרעס מאכער יוניאָן לאָקאל 90 און די באלעבאטים פון דעם פאך, און דער מענעדזשער פון דער יוניאָן, ברודער י. בערנאדסקי, האט נאך מיט איינגע וואכען צוריק ארויסגעשיקט בריף צו אלע פירמען מיט א קאפּיע פון א נייעם אגרימענט, זיי זאלען דעם אגרימענט אונטערשרייבען. איינגע פירמען האבען דאס געטאן און אנדערע נאך ניט, און די יוניאָן פיהרט אונטערהאנדלונגען מיט די דאזיגע פירמען.

דעם 6טען סעפטעמבער האט די יוניאָן געהאט א גוט באזוכטען מעמבער־מיטינג, וואו די פראגע פון באנייען דעם אגרימענט איז גאנץ גענוי באשפראכען געווארען. אלע זיינען געווען איינשטימיג, דאס א סטרייק זאל גערופען ווערען ביי יעדער פירמע וואס וועט זיך אפזאגען צו באנייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאָן. די מיטגלידער האבען זיך אויך פארפליכטעט, דאס אויב עס זאל זיין נויטיג, זאל ארויסגעלעגט ווערען א טעקס אויף דער מיטגלידערשאפט, צו שאפען א פאנד, כדי די ארבייט פון דער יוניאָן זאל קענען געטאן ווערען מיט מעהר ערפאלג.

קלאוקמאכער פון לאס אנדזשעלעס דערקלערען א גענעראל סטרייק

דער סטרייק איז גערופען געווארען דינסטאג, 10 א זייגער אין דער פריה.

ווי די לעזער פון די „גערעכטיגקייט" וויסען, האט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנייִשאנאל באשלאסען צו שיקען א ספעציעלען אָרגאניזער אין לאס אנדזשעלעס צו העלפען אוועקשטעלען אויף א געזונטען באדען די קלאוקמאכער יוניאָן פון יענער שטאדט, און וויים־פּרעזידענט סעמועל לעפקאוויטש איז באשטימט געווארען דורכצופיהרען די מיסיע. ברודער לעפקאוויטש איז גלייך אפגעפארען און זיך גענומען טיכטיג צו דער ארבייט. ער האט אפגעהאלטען א רייהע מיטינגען מיט די ארבייטער און האט אויך געהאט איינגע קאנפערענצען מיט די מאנופעקטשורערס. אבער מיט גוטען האט מען גארניט געקענט אויספיהרען, עס האט געמוזט גערופען ווערען א סטרייק.

מאנטאג אין דער פריה איז אנגעקומען צו פרעזידענט זיגמאן די פאלגענדע טעלעגראמע:

„א מעמבער מאס מיטינג איז אפגעהאלטען געווארען לעצטען שבת. עס איז באטראכט געווארען די פראגע פון רופען די קלאוקמאכער אין סטרייק, און עס איז באשלאסען געווארען, עס זאל איבער דער פראגע געשטימט ווערען דורך א סעקרעט באלאט. דער רעזול־

(שלוס אויף זייט 7.)

ליידיס טיילארס יוניאן לאקאל 38 פאנגט אן ענערגישען ארגאניזאציאנס קאמפיין

אינטערנעשאנאל שטעלט אן א ספעציעלען ארגאנייזער צו העלפען דעם לאקאל אנפיהרען דעם קאמפיין. — די יוניאן רופט א מאס־מיטינג דאנערשטאג, דעם 27טען סעפטעמבער, אין ברייענט האל. — דער מיטינג וועט אדרעסירט ווערען פון סעקרעטער באראף, וויים־פרעזידענט י. פיינבערג, און די אינטערנעשאנאל ארגאנייזערס, ארמורא דזשיאוואניטי און דזש. גאלדשטיין.

דער פאך פון די ליידיס טיילארס און טעאטריקאל קאסטיום מאכער אין ניו יארק איז נאך ווייט ניט אזוי גוט ארגאניזירט ווי ס'באדארף צו זיין, אז די ארבייטער, וואס זיינען באשעפטיגט ביי דעם פאך, זאלען קענען האבען די ארבייטס־באדינגונגען צו וועלכע זיי זיינען בארעכטיגט. און פון דעם, פארשטעהט זיך, ליידען אויך די יוניאן־לייט, די מעהר באוואוסטזיניגע ארבייטער פון דעם פאך, וואס שטעלען צוזאמען דעם לאקאל 38. די יוניאן האט, אלזא, באשלאסען אנצופאנגען אן ענערגישען ארגאניזאציאנס־קעמפיין צווישען די ארבייטער פון דעם פאך, און אונזער אינטערנעשאנאל וועט איהר מיטהעלפען מיט אלץ וואס וועט זיין נויטיג.

און דאס ווערט שוין געטאן. די וואך האט אונזער אינטערנעשאנאל אנגעשטעלט א ספעציעלען ארגאנייזער פאר דער ארבייט, איינעם וואס איז גוט באקאנט צווישען די ליידיס טיילארס. דאס איז ברודער דזשיי. גאלדשטיין, וועלכער איז שוין אמאל געווען ארגאנייזער ביי די ליידיס טיילארס, נאך מיט יאהרען צוריק, רעמאלט ווען די ליידיס טיילארס יוניאן האט געהאט דעם זעלבען נומער, לאקאל 38. די ליידיס טיילארס קענען

(שלוס אויף זייט 14.)

דאס שטודירען אין די יוניטי סענטערס שוין אנגעפאנגען.

דאס שטודירען אין די אינטערנעשאנאל יוניטי סענטערס האט זיך שוין אנגעפאנגען אין די פאבליק סקולס וואס ווערט אנגעגעבען אויף זייט 4 פון דער צייטונג. א חוץ די אנדערע סאבדזשעקטס וואס דארט ווערט געלערנט, איז אין יעדער יוניטי סענטער אויך דא א קלאס פאר ענגליש, פאר אנפאנגער און ארוואנסד.

אין די קלאסען איז נאך דא פלאץ פאר נאך סטודענטען און זאלען די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט. מען קען זיך רעדזשיסטרירען אין די אפיסעס פון אלע לאקאל יוניאנס און אין אפיס פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, 3 וועסט 16טע סטריט.

אונזער דעלעגאציע צו דער קאנווענשאן פון אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר

די דעלעגאציע וועט פארברייננגען איינגע גאנץ וויכטיגע רעזאלוציעס.

דעם פרייטאג נאכמיטאג פאהרט אפ די דעלעגאציע פון אונזער אינטערנעשאנאל צו דער קאנווענשאן פון דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר. די קאנווענשאן וועט אפגעהאלטען ווערען אין פארטלאנד, ארעגאן סטייט, וואס איז א גאנץ ווייטער מהלך פון נו יארק. די דעלעגאציע וועט פאהרען דורך שיקאגא, גרענד קאניאן, לאס אנדזשעלעס און סאן־פראנציסקא.

אונזער דעלעגאציע באשטעהט פון די פאלגענדע פערזאנען: פרעזידענט מאריס זיגמאן, ברודער פינקאווסקי, דער טשערמאן פון דעם קלאוק און דרעסמאכער דזשוינט באארד און ברודער לאנגער, דער סעקרעטער פון דער זעלבער ארגאניזאציע. ברודער מאקס אמדור, דער מענעדזשער פון די פילאדעלפיער קלאוקמאכער יוניאן, ברודער הערי גרינבערג, דער מענעדזשער פון דעם נייעם פאראייניגטען לאקאל 91 און ברודער לואידזשי אנטאניני, דער מענעדזשער פון דעם אי־

(שלוס אויף זייט 14).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט", נומער 38

זייט 2. די וואך — מאקס ד. דעניש. די קלאוק באטאן מאכער יוניאן לאקאל 132 — ה. דובינסקי.
זייט 3. אין דער ריפערמאכער יוניאן לאקאל 17 — דזש. העלער.
זייט 4. עדיוקיישאנאל נאטיצען. עקזעקוטיוו באארד מיטינג לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — ל. לאנגער.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 7. וויכטיגע פאסירונגען אין דער סעמפעל מאכער יוניאן לאקאל 3 — ד. דוביז. א שוואכקייט (הומארעסקע) — ז. וועהילער.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־ביכעל.
זייט 9. די „טרייד יוניאן עדיוקיישאנאל ליג" מוז באקעמפט ווערען! — אב. באראף. תשרי־לידער — אל. גוריה.
זייט 10. אין טעאטער — דער קריטיקער. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. די רעאקציע און די אויסניכטערונג — א. זעלדין. דער זיידענער אוטאליק (פעליעטאן) — דער לעבעדיגער.
זייט 12. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — ארוועטייזמענטס און שלוסען.
זייט 16. שלוסען פון זייט 1.

קלאוק מאנופעקטשורער פון מאנטרעאל ווילען אנשרעקען די ארבייטער

די ארגאניזאציאנס־ארבייט, וואס אונזער אינטערנייִשאנאל פיהרט אן אין קענעדע, געהט צו גאנץ שווערלאך. באזונדערס איז עס דער פאל אין מאנטרעאל. אבער עס זעהט זיך דאך פראגרעס אין דער ארבייט.

די לאגע פון די קלאוקמאכער אין מאנטרעאל איז א גאנץ שלעכטע. די באסעס באנוצען זיך מיט דעם וואס די ארבייטער זיינען ניט גוט ארגאניזירט, וואס זיי שטעהען אוועק פון דער יוניאן און מען שינדט די הויט פון זיי אויף וואס די וועלט שטעהט. די יוניאן וועקט און רופט די ארבייטער זיך אנצושליסען צו דער יוניאן, און מיט פאראייניגטע כחות זיך פארבעסערען די לאגע, אבער די באלעבאטים טוען אלץ וואס זיי קאנען זיי צו טעראריזירען, זיי אנצושרעקען, זיי זאלען זיך ניט אנשליסען צו דער יוניאן. זיי ווענדען אן כל המיני סטראשונקעס אפצוהאלטען די ארבייטער פון אנשליסען זיך צו דער יוניאן. די באלעבאטים זאגען גאנץ אפען אז די ... זייערע ...

איר קענט אויך שיקן דורך ... אמעריקען עקספרעס ...

צוויי מיליאן אידען אין דער שטאדט ניו יארק

וויפיל פון זיי דענקען וועגען זייער צוקונפט
וועגען זייערע קינדער
וועגען זייער משפחה אין יוראפ
?

וויפיל פון זיי זיינען בירגער פון דיזען לאנד?

דער ארבייטער וואס איז א סיטיזען האט פילע רעכטע.
ער איז ניט קיין „אויטסיידער“,
ער איז ניט קיין „פרעמדער“,
ער איז א שותף אין די אנגעלעגענהייטען פון לאנד,
זיינע קינדער קאנען באקומען גוטע רעגירונגס שטעלען,
זיינע קרובים קאנען לייכט אריינקומען אין אמעריקא,
און ער קאן שטימען אין עלעקשאן טאג צו מאכען דאס לאנד
דעמאקראטיש אין נאמען און אין פאקט.

די נאטשוראליזיישאן אייד ליג

אין „פארווערטס“ בילדינג 175 איסט בראדוויי

וועט אייך אין גאנצען פריי ארויסנעמען די ערשטע און צווייטע סיטיזען פייפערס.

דער אפיס איז אפען אין דער פריה, ביי טאג און אין אווענט.

פאנגט גלייך אן צו ווערען א סיטיזען

דיזער אדווערטייזמענט איז באצאהלט געווארען פון לעאן א. מאלקיעל.